STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00573

# DER MORGNSHTERN IN MAYN FENSTER

Moses Schulstein

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Milton & Phyllis Shuch*
*in memory of*
*Frieda Padnick*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה שולשטיין

*

# דער מאָרגנשטערן אין מיין פענצטער

משה שולשטיין

# דער מאָרגנשטערן
# אין מיין פענצטער

תשל״ד פּאַריז 1974

משה שולשטיין / דער מאָרגנשטערן אין מיין פענצטער

לידער און פּאָעמעס

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון אַ קאָמיטעט

**M. SZULSZTEIN**

**L'étoile du matin dans ma fenêtre**

(Poèmes)

Copyright by M. Szulsztein, Paris

Printed in France

Imprimerie IM.PO., 65, rue du Fg-St-Denis, 75010 Paris



משה שולשטיין — געצייכנט דורכן מחבר

# מיין מאמעס ניגון

## מיין מאַמעס ניגון

עס פלעגט מיין מאַמע מיר דערציילן ווי צום שלאָף
האָט זי געדאַרפט מיך מיט אַ ליד פּאַרוויגן;
געטרייסלט שעהען-לאַנג דאָס וויגל, אָן אַ סוף,
אַ פּוס דערויף געהאַלטן און אין מויל — אַ ניגון.

און ווען זי האָט געמיינט, איך שלאָף שוין איין,
דעם פּוס אַראָפּגעשטעלט, איר ליד אַנטשוויגן,
האָב איך געקרימט זיך און געמאָנט זיך מיינס,
זיך אויפגעכאַפּט, צעוויינט זיך און צעשריגן.

דאָס ליד האָב איך איר שענקען נישט געוואָלט,
כ׳וואָלט אַלץ אַוועקגעגעבן פאַר איר זינגען,
כ׳בין מוחל איר געווען דאָס ציגעלע פון גאָלד,
ס׳קען ערגעץ־אַנדערש, במחילה, שפּרינגען.

כ׳האָב הערן זי געקענט שעה־אויס, שעה־איין,
און כ׳האָב דערפאַר געלאָזט זיך וויגן, וויגן...
ביז ס׳איז אויף שטענדיק שוין אין מיר אַריין
מיין מאַמעס ליד, מיין מאַמעס ניגון.

## מיין מאַמעס קליידער

איך דערמאָן זיך מער נישט די קאָליר
פון מיין מאַמעס שיינע נאָענטע קליידער,
נאָר די פרייד ווען כ׳האָב זי אין דער טיר
מיטאַמאָל דערזען אין זיי — אין חדר.

די קאָליר האָט לאַנג שוין אויסגעבלאַסט
פון מיין מאַמעס נאָענטע שיינע קליידער —
נישט דאָס גליק ווען איך האָב זי דערקענט
לויט איר קלייד. איך זוך עס נאָך כסדר.

אַ יאַריד-טאָג היינט. די מאַמע זוכט
אויפן מאַרק מציאות, ווערט אַנטרונען.
כ׳זוך זי צווישן פורן, קוישן, פרוכט,
ביז איך האָב זי — לויט איר קלייד — געפונען!

איך געדענק נישט אַזאַ גליק ביז איצט —
הינטער מאַמעס קלייד צו זיין באַהאַלטן;
מער באַוואָרנט זיין און מער באַשיצט
ווי אין מאַמעס קלייד זיך אָנצוהאַלטן.

כאָטש די קליידער זענען שוין נישטאָ
פלאַטערן זיי אַלץ פאַר מיינע אויגן.
כ׳ווייס נישט, די קאָליר איז רויט, צי בלאָ,
כ׳ווייס נאָר אַז זי איז פון רעגנבויגן.

# מיין מאַמעס פּנים...

מיין מאַמעס פּנים איז באַלויכטן ווי פון שריפות.
זי שיינט, נאָר נישט פון נחת, נישט פון גליק.
זי בלאָזט די פייערקוילן פונעם דרייפוס.
אָט צינדן זיי זיך אָן, אָט לעשן זיך צוריק.

די מאַמע בלאָזט אַריין אין זיי איר אָטעם
און יעדער בלאָז פאַרגייט זיך אין אַ קרעכץ.
אָט כאַפּט זיך אָן דער פלאַם. די מאַמע האָט אים
פאַרלאָקערט שוין צום אָרעמען געקעכטס.

פון פייער איז איר פּנים פייערלעך און הייליק.
כ׳צעשטער די הייליקייט מיט מיין „האַם־האַם״.
די מאַמע ענטפערט: כאַפּ זיך אָן ביים בייליק
ביז בעסער וועט זיך אָנכאַפּן דער פלאַם.

זי בלאָזט און בלאָזט אויפסניי און בלאָזט אויפסנייער.
די כוחות בלאָזט זי שיר פון זיך אַרויס,
ביז ליכטיקער און גרעסער ווערט דאָס פייער
און ס׳טעפל זינגט אַ שיינעם ניגון אויס.

דער שוואַרצער קוימען פלוצים ווערט אַ היכל,
אין טעפל זידט מיין מאַמעס הייסע טרער,
און אויף איר פּנים אויפגיין כ׳זע אַ שמייכל
און פונעם פלאַם נאָך שיינט עס איצטער מער.

## מיין מאַמעס בילד

איך ווייס אַז מיך האָסטו געזען
אין דיינע לעצטע רגעס —
זע איך איצטער דיך
אין אַלע מיינע רגעס.

איך ווייס אַז מיך האָסטו געהערט
ווען ס׳איז דיין זיפֿץ
דער לעצטער אויסגעגאַנגען —
הער איך איצטער אים
אין אַלע מיינע קלאַנגען.

איך ווייס נישט ווו, איך ווייס נישט ווען
איז דיין געשטאַלט פֿאַרגאַנגען. —
בין איך די ראַם
וואָס נעמט אַרום דיין בילד,
אין אין־סוף אויפגעהאנגען.

## אין אונדזער שטוב...

מ׳האָט אונדזער שטוב אַמאָל געקאַלכט, געווייסט אויף יעדן פּסח,
נאָר תמיד אויף אַ וואַנט געלאָזט אַן אָרט אַ נישט־געמאָלטס,
צום זכר פונעם חורבן — דאָס נאָך פון מיין טאַטן ווייס איך —
כ׳דערמאָן דאָס היינט — און אים — מיט ליבשאַפט און מיט שטאָלץ.

די וואַנט — צו מזרח־זייט, דאָס האָט געמיינט צו ציון,
דאָס אָרט — אַ רעדל, גרויס ווי אונדזער שעפ, די קוואָרט.
יאָר־יערלעך פלעגט מען פאַרזיכטיק ביי אונדז זיך מיען
נישט צו פאַרווייסן אָט דאָס רעדל — דאָס זכרון־אָרט.

מיט יעדן יאָר איז עס געוואָרן קויטיקער און גרויער,
נאָר ס׳האָט אַ ליכט פון יענער קויטיקייט געשטראַלט.
ביז היינט עס לייכט מיט הסד אין מעת־לעתן פון מיין דויער,
אין טעג ווען מיך די עצבות און די יאוש־פּיין באַפאַלט.

נישטאָ מער יענע שטוב, די וואַנט און ס׳אָרט דאָס נישט־געווייסטע —
דאָס אָנדענק־אָרט פון חורבן האָט אַ חורבן אָפּגעמעקט.
בלויז ניצול איז געוואָרן ס׳רעדעלע, דאָס אויסגעלייזטע,
און ס׳קייקלט זיך און פירט מיך ווו די וועלט האָט נאָר אַן עק.

זיי מוחל מיר, מיין רעדעלע, וואָס כ׳האָב דיך אויסגעמיטן,
וואָס יאָרן־לאַנג האָב איך דיך נישט געזען אויף אונדזער וואַנט
און וואָס אויף בלענדנדיקן גלאַנץ האָב איך אַמאָל פאַרביטן
דיין קויטיקייט דיין ליכטיקע וואָס אין מיין היים דערמאָנט.

# די באָבעשי און איך

געדריי פון מיסט און שטויב הייבט אויף דער ווינט
אין פעלד,ביים לעצטן שטיבל דבורה־ציפּעס.
זאָלסט וויסן, זאָגט די באָבעשי, מיין קינד,
דאָס הוליען שדים, ס׳פּאַנעווען דאָרט קליפּות.

פּרוביר, אַ מעסער וואַרף אַריין אין פעלד,
וועסט זען, פאַרבלוטיקט וועט אַרויס דאָס מעסער.
אַט לויף איך, באָבעשי!... נאָך דאָס האָט מיר געפעלט —
נישט אָנהייבן מיט שדים וועט זיין בעסער.

פאַר שדים האָב איך מורא שטאַרק, אַ שרעק!
נאָר קוילען זיי די מורא איז נאָך גרעסער.
איך גלייב דיר אויפן וואָרט, אַ סוף, אַן עק,
כ׳קען, באָבעשי, נישט וואַרפן זיי קיין מעסער...

די באָבע קומט צו חלום מיר אין שלאָף
מיט יענעם שטויב־געווירבל אויפגעהויבן.
ווייל כ׳האָב זי נישט געפאָלגט, איז דאָס אַ שטראָף?
דער מיסט־געדריי מיך ווערגט מיט זיינע שטויבן.

געוועזן דיין טירחה, באָבעשי, אומזיסט —
נישטאָ דאָס שטעטל, ס׳הייזל דבורה־ציפּעס,
נישטאָ קיין יידן און קיין יידיש מיסט,
ווו ווילסטו זאָלן הייבט זיך דרייען קליפּות?

חוץ דעם, דאָס מעסער וואַרף איך נישט אַריין.
זיי מוחל מיר און זאָל דיך נישט פֿאַרדריסן.
עס מעג פֿון קליפּות און פֿון שדים זיין —
איך האַלט נישט, באָבעשי, פֿון בלוט פֿאַרגיסן.

# דער פראָסט האָט געלאָזט

שוין טעג איז דאָס פענצטער באַהאָנגען מיט אייזליכט.
די שויב מיט פלאַים פאַרמאָלט האָט דער פראָסט.
און פּלוצים אַ טונקעלער פלעק אין איר ווייזט זיך
און ס׳רופט אויס די מאַמע: דער פראָסט האָט געלאָזט!

געוועזן פון געמעל זענען קינדער פאַרצויבערט —
האָסטביימער, האָסט בלומען, דו האָסט און דו האָסט!
דאָ וועקט זיך דער טאַטע פון דרימל צעשויבערט
און הערט די גדולה: דער פראָסט האָט געלאָזט!

געשלונגען האָט קוילן דער אויוון, דער פרעסער,
און האַרצוווייטיק, חובות דעם טאַטן געקאָסט.
אויך האָלץ האָט געשמעקט אים, אויך טאַרף אויפן דעסער.
אַ גליק, זאָגט דער טאַטע: דער פראָסט האָט געלאָזט!

שטאָט בלומען אין שויב האָסט אַ טונקעלע לאַטע.
אונדז, קינדער, אַ זילבערנער חלום פאַרלאָזט.
נאָר ס׳פרייט זיך די מאַמע, עס פרייט זיך דער טאַטע —
באַדאַרף מען זיך פרייען: דער פראָסט האָט געלאָזט!

וואָס גרעסער דער פלעק אין דער שויב און וואָס רונדער,
אַלץ גרעסער די פרייד אַזוי פשוט און פראָסט.
מען זאָגט אָן די שכנים דעם נחת, דאָס וווּנדער,
מען קלאַפּט אין די טירן: דער פראָסט האָט געלאָזט!

## צוגאַסט אין דער היים

די שטעטלדיקע שטיבעלעך מיט קרומע ווענט,
זיי האָבן נידעריק זיך צו דער ערד געצויגן,
אַז אַלע חדר־ייִנגלעך האָבן לייכט געקענט
דאָרט מאַכן איבער זיי אַ פֿייַלנבויגן...

דער דאַך האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, אַז יעדע ציג
געפּרווּט האָט טועם זיין פֿון זיינע שינדלען.
פֿון דאָרטן האָב איך איין מאָל אין דער וויג
אַרויסגעקאָפּעט זיך פֿון מיינע ווינדלען.

מיט מיינע פּיסעלעך צעבונדן האָב איך זיי
און נאָכדעם פֿריי געריסן זיך פֿון דאַנען,
געשטעלט זיך און געפֿאַלן — און אויפֿסניי.
ביז אין דער וועלט אַריין געלאָזט זיך שפּאַנען.

היינט ווין איך אין אַ הויז פֿון צוואַנציק שטאָק
(ווי קען שוין זיין אַ רייד פֿון פֿייַלנבויגן...)
די חדר־ייִנגלעך און דער שטעטלדיקער באָק
פֿאַררייסן וואָלטן דאָ געדאַרפֿט צו מיר די אויגן.

נאָר יעדע נאַכט אַן אומרו טרייבט מיך גיך —
פֿאַר יענע שטעטלדיקע שטיבלעך שטיי איך ווידער:
ווי פֿאַר אַ היכל דאָרטן טו איך אויס די שיך
און איך פֿאַררייס מיין קאָפּ צו זייער נידער...

# כ׳דערמאָן זיך אַלץ...

כ׳דערמאָן זיך אַלץ אין יענעם ענגן הייפל
וואָס איז געווען מיט גרויע ווענט פאַרשטעלט,
ווו כ׳האָב געקייקלט מיט א דראָט א רייפל
און כ׳האָב געמיינט, כ׳פאָר אויס דערמיט אַ וועלט.

פון פענצטער גייען קולות און געלעכטערס.
די קאַץ יאָגט נאָך די מויז און איך די קאַץ,
און מיך יאָגט נאָך דער אַלטער בייזער וועכטער.
איך טרייב דאָס רייפל גיך. איך סאָפּע, כ׳פּלאַץ.

דאָ האָט מיך קיינער נישט געקענט דעריאָגן,
דאָס ענגע הייפל איז געווען מיין וועלט,
און ס׳רייפל מיינס — מיין טריומפאַלער וואָגן —
ווער ווייסט ווו ס׳האָט זיך ערגעץ אָפּגעשטעלט?

ווו ס׳וואַלגערט זיך פארזשאַווערט אונטער רעגנס,
פאַרשאָטן דאָרט אויף יענער וויסטער ערד,
ווו אין א קאטערינקע איז געלעגן
מיין גורל אין אַ ראָזלעכן קאָנווערט.

כ׳האָב איין מאָל אים פון דאָרט אַרויסגעצויגן,
קיין גליק איז נישט געווען אין אים פאַר מיר.
די קאַטערינקע שטומט, און ס׳רייפל ליגט צעבויגן,
נאָר ס׳בענקט נאָך אפשר צו מיין האַנט־באַריר.

כאָטש כ׳האָב געזען שוין וויפל שטעט און הייזער,
אַ וועלט שוין אויסגעפאָרן מיטן ראָד,
ווי וואָלט איך איין מאָל נאָך געמאַכט אַ רייזע
מיט יענעם רייפל און מיט יענער דראָט.

## די שריפט פון מיין קינד

אין שאַפע, צווישן העפטן, טאָוולען, שיימעס, בלעטער,
וואָס קיינער רירט נישט יאָרן־לאַנג העט־העט און העטער,
און וואָס דער שטויב פון זיי אַפּילו איז דיר טייער —
אַן אַלט פּאַפּיר, נאָר דער אַנטפּלעק אויף אים אַ שפּאָגל־נייער!
עס כאַפּט מיין טעכטערל צום ערשטן מאָל אַ בלייער,
ווי משה האָט געכאַפּט די קויל פון פייער.
איר ערשטע שריפט! בראשיתדיק איז יעדער צייכן,
ווי דער באַשאַף אַליין פון הימל, ערד און טייכן.
אַ וווּנדער אין די שטריכן, פּאַסיקלעך, צירופים.
פון אויג נאָר נישט פאַרליר אים, לויף אים נאָך, צי רוף אים.
פון שטעקעלע אַ כישוף ציט התפעלותדיק און איבעררעשיק.
איך לאָז זיך פאַנגען פון דער שרייב־נעץ פלאָנטערדיק־מישמאַשיק.
וואָס איז דען נישט פאַראַנען אַלץ אין דעם געפלאָנטער? —
מיין מאַמעס האָר געקרייזלטע די סאַמע נאָענטע,
וואָס איך האָב זיי געירשנט און געפּטרט שוין, פאַרלאָרן;
איך זע די קופּע היי אין פעלד פון מיינע קינדער־יאָרן,
וואָס איך האָב אַזוי געגרן זיך אין איר געוואָלט פאַרקלויבן;
איך זע דעם צווייגן־פריר וואָס שפּרייט זיך אויף די שויבן
אין ווינטער־בין־השמשות בלוילעך־גרויען;
איך זע די שוואַלבן־נעסט פון שטיקלעך ליים און שטרויען,
געפלאָכטן און געמייסטרעוועט מיט מי, געראָטן;
איך זע, להבדיל, אויך דאָס פעלד פון שטעכל־דראָטן,
דעם אָנגעשיט פון חורבה־ציגל, בלעך און שטיינער.
חוץ מיר וועט דאָ דעם וועג אַהער נישט טרעפן קיינער,

חוץ מיר וועט קיינער דאָ דעם וועג אַרויס נישט טרעפֿן.
בלויז איך דעם שריפֿט־געפֿלאָנטער מיט אַ שפּרונג צעעפֿן.
אין שוואַרצן כאַאָס אָן אַ סדר, אָן אַ זינען,
וועל איך אין יעדן צייכן דאָ אַ שטראַל געפֿינען.

1954

# שפּאַציר אין פּער־לאַשעז

איך פיר מיין טעכטערל שפּאַצירן אין בית־עולם פּער־לאַשעז.
ס׳איז שטיל אין די אַלעען און דאָ קומט נאָך צו
די שטילקייט פון בית־עולם, די בית־עולם־רו.
ווי אומעטום שוין בליט דאָ די אַקאַציע און דער בעז.
אַ מאַן אין בלויען שאַרט צונויף אַ באַרג
פּאַרפוילטע בלעטער נאָך פון לעצטן האַרבסט
און אין אַ טאַטשקע פירט זיי ערגעץ אָפּ
פון בית־עולם — צום בית־עולם פונעם בלעטערוואַרג.
אַ פרוי אין שוואַרצן, אָנגעבויגן ביי אַ מאַרמאָרשטיין,
באַגיסט אַ בינטל בלומען אַ פּאַרטרוקנטס און פאַרדאַרטס,
ווי אויסגעגאָסן וואָלט זי אויפן שטיין איר ביטער האַרץ.
מיין טעכטערל און איך מיר גייען צווישן די אַלעען.
פּלוצים ווייזט זי אָן אויף די מצבות, אויף די אוהלס
און פרעגט מיט חידוש: „וואָס איז דאָס אַזוינס?"
בלייב איך דאָ אַ ווײַלע שטיין און שטוין
און ווייס נישט וואָסער ענטפער איר צו געבן —
אַז בסך־הכל ווייסט זי נאָך נישט וואָס איז טויט און וואָס איז לעבן.
זי בעט מיך: „קום זיך שפּילן, אין די שטיבעלעך באַהאַלטן" —
ווערט מיר קאַלט און כ׳נעם ביים הענטל פעסטער זי נאָך האַלטן.
כ׳הייס הערן איר דעם פייגל־טשוויטש און זען דעם שיינעם בעז...

כ׳וועל מער נישט גיין שפּאַצירן מיט מיין קינד אין פּער־לאַשעז.

1956

★

ס׳איז ווי דער שפּייז וואָס קיין שום צאָן וועט נישט פון איר געניסן,
ס׳איז ווי צום בלומענטאָפּ וואָס קיינער וועט אים נישט באַגיסן,
ס׳איז ווי דער פּרי וואָס זי בלייבט שוין אויפן בוים פאַרזעסן,
ס׳איז ווי דעם נאָמען וואָס אויף שטענדיק בלייבט ער שוין פאַרגעסן,
ס׳איז ווי דעם ציל וואָס שטענדיק טרעפט ער זייטיק נאָר, דערנעבן,
ס׳איז ווי דער זינד וואָס קיינמאָל וועט זי קיינער נישט פאַרגעבן,
ס׳איז ווי צו דעם געדאַנק וואָס קיינער וועט אים נישט באַנעמען,
ס׳איז ווי צום בוך וואָס קיינער וועט עס אין דער האַנט נישט נעמען,
ס׳איז ווי דער תּפילה וואָס זי וועט נישט אָנגענומען ווערן,
ס׳איז ווי צום קול וואָס קיינער וועט עס קיינמאָל נישט דערהערן.

# פֿאַרמערונג

אַ קלאַנג רופֿט אַרויס אַ צווייטן קלאַנג,
אַ שמייכל רופֿט אַרויס אַ צווייטן שמייכל,
אַ טרער רופֿט אַרויס אַ צווייטע טרער,
אַ געדאַנק רופֿט אַרויס אַ צווייטן געדאַנק
אַ ליכט באַשאַפֿט אַן אַנדער ליכט,
אַ שאָטן שלעפּט נאָך אַ צווייטן שאָטן,
אַ פֿייער צינדט אָן אַן אַנדער פֿייער,
אַ כוואַליע ציט נאָך אַ צווייטע כוואַליע,
אַ קוש רופֿט אַרויס אַ צווייטן קוש,
אַ לעבן ברענגט אַן אַנדער לעבן,
אַ מענטש באַשאַפֿט אַ צווייטן מענטש.

*

אוי, זע נאָר דאָס קינד ביי דער מאַמען אין שויס,
וואָס וויקלט פון קליידעלעך זיינע זיך אויס,
ווי רייסן זיך וואָלט עס געוואָלט צו דער וועלט,
און ס׳פּאַקט־אָן אַ מיילעכל שטראַלן און ס׳קוועלט.
ווער ס׳זעט נאָר דאָס קינד ביי דער מאַמען אין שויס
עס רופט גלייך ביי יעדן אַ שמייכל אַרויס,
אַ ליכטיקן שמייכל און לויטער ווי טוי —
איז אמת, מיר זענען געווען אויך אַזוי ?

אוי, זע נאָר דאָס אַלטע געשטאַלט וואָס עס גייט
געבויגן צו דר׳ערד, פון רחמנות באַגלייט.
פון הינטן די יאָרן, דער שטעקן פאָרויס,
וואָס פירט נישט צו־ווייט פון דער שוועל, פונעם הויז.
געציילטע די טריט, נאָר בשפע דערפאַר
די קנייטשן אין פּנים, די ראיה איז שטאַר
און זעט בלויז דאָס לעבן מטושטש און גרוי —
איז אמת, אַז מ י ר וועלן זיין אויך אַזוי ?

## שוין ווינציק צייט...

אַך, ווי ווינציק צייט ס'איז שוין פאַרבליבן.
מען וועט שוין נישט באַווייזן אַלע ליבעס אויסצוליבן,
מען וועט שוין נישט באַווייזן אַלע טרערן אויסצווויינען
און נישט באַווייזן אַלע ביכער־שאַפעס אויסצולייענען;
נישט באַווייזן אַלע דאַכטענישן אויסצודאַכטן
און אַלע זעאונגען דערזען און אַלע טראַכטענישן צו דערטראַכטן,
און נישט באַווייזן אַלע זיסע עולן צו דערשלעפּן
און נישט באַווייזן אַלע טיפע חכמות אויסצושעפּן.
מען וועט שוין נישט באַווייזן אויסצוטרינקען אַלע כוסות
און נישט באַווייזן אויסצושרייבן אַלע אותיות,
און נישט פון אַלע שווערע זינד זיך אויסצוקויפן
און נישט פון אַלע קוועלענישן צו אַנטלויפן;
נישט פון אַלע קלעמענישן און הו־האַ זיך אָפּצוזונדערן
און נישט באַווייזן אַלע וווּנדערס צו באַוווּנדערן
און נישט באַווייזן אויסצומעסטן אַלע וועגן, אַלע שליאַכן
און צו דערקענען נאָך אַזויפיל נישט־דערקענטע זאַכן
און נישט צו אַלע גלאָריעס צו דערקלעטערן
און אַלע יפיפיהס נאָכצולויפן און פאַרגעטערן
און אַלע שבחים זיי צו ברענגען אויף די ליפּן
און אַלע שיינע שניפּסן און קראַוואַטן אויסצוקניפּן,
זיך משמח זיין מיט אַלע גוטע־ברידער
און צו דערזינגען אַלע שיינע לידער,
און אַלע תורות צו דערלערנען און באַנעמען
און צו דערמאָנען אַלע גוטע ליבע נעמען
וואָס האָבן אויפן דנאָ פון צייט זיך אָנגעקליבן.

אַך, ווי ווינציק צייט ס'איז שוין פאַרבליבן.

## ווײפֿל מאָל...

ווײפֿל מאָל שוין האָבן אָפּגעוועלקט די בלעטער,
און ווײפֿל מאָל שוין האָבן זײ געבליט.
אַזויפֿיל זאַכן האָב איך אָפּגעלײגט אויף שפּעטער —
מקיים זײַן אין לעבן און אין ליד.

נאָר שפּעטער ווידער אָפּגעלײגט אויף שפּעטער,
כ׳האָב מײַן הבטחה נישט דערפֿילט אויפֿסנײַ,
און פֿאַר מײַן שוואַכקײט בעט איך אַלץ אַ היתר
און כ׳בעט מחילה בײַ דער צײַט, וואָס איז פֿאַרבײַ.

ווײפֿל מאָל כ׳האָב שוין געביטן מײַנע קלײדער,
ווײפֿל מאָל ס׳האָט אין מײַן שויב געטאָגט.
און איך מוז ברעכן יעדעס מאָל אַ נדר
פֿאַר דעם וואָס כ׳האָב אַלײן זיך צוגעזאָגט.

וואָס מער אַלץ אָוונט־שאָטנס פֿאַר די אויגן קרײַזן
און פֿון דער טיפֿעניש אַזאַ באַדויער שטײַגט.
כ׳האָב מורא אַז איך וועל שוין נישט באַווײַזן
מקיים זײַן וואָס כ׳האָב אויף שפּעטער אָפּגעלײגט...

## דערמאָן מיר מער נישט...

דערמאָן מיר מער נישט יענעם ניגון
וואָס איז פון מיר שוין אַזוי ווייט.
אין זיין רשות אַריינגעקריגן
האָט ער מיין שיינע יוגנט־צייט.

דערלאַנגט האָט ער דעם ווינט מיין שויבער
ווען טיף זיין בענקשאַפט האָט געגאַגט.
פאַרלאָקט האָט ער מיך מיט זיין צויבער
און איך האָב אַנדערע פאַרלאָקט.

ווו בין איך אים נישט נאָכגעגאַנגען
און גיין כ׳בין גרייט געווען עק וועלט.
גיי וויס, אַז ער, מיט זיינע קלאַנגען
האָט פיין־געשרייען גאָר פאַרשטעלט.

ער גיט המונים אַ צעהוידע
און מיך פאַרפלאָנטערט ער מיט זיי.
נאָך איצטער איז ער שיין, כ׳בין מודה,
נאָר ס׳טוט זיין שיינקייט אַזוי וויי.

מיט האַרפע־קלאַנג פלעגט ער פאַרוויגן,
צו ברענגען קלאַנגען פון אַ קייט.
דערמאָן מיר מער נישט יענעם ניגון
וואָס איז פון מיר שוין אַזוי ווייט.

# מיין תפילה

האַר פון די וועלטן, פון הימל און פון ערד,
פון די ימען און טייכן, די בערג און די אַרכיפּעלאָגן.
דו, וואָס דו האָסט מיך באַשאַפן אין דיין געשטאַלט.
פאַרגיב מיר מיין מורד זיין, מיין דרייסטן און מיין וואַגן
וואָס איך וועל איצטער, גאָר פאַרקערט,
דיך אין  מ י י ן  געשטאַלט באַשאַפן;
דו, וואָס דו ביסט מיין שפּיגל און איך דיין אָפּבילד,
דו, וואָס דו האָסט נישט אין קיין שום בריאה,
נישט אין לעמפּערט, נישט אין לייב, נישט אין שטאָלצן אָדלער אַפילו
דיין געטלעך געזיכט אַמאָל געטאָפּלט.
נאָר מיך בלויז, מיך האָסטו באַשאָנקען מיט דער זכיה.
באַוויליק־זשע איצטער צו דיר מיין תפילה.

פאַרגיב מיר, האַר פון הימל און פון ערד :
פאַרגיב מיר די מיאוסקייט אויף מיין פּנים,
וואָס זי איז נישט מיינע.
פאַרגיב מיר די גייציקייט און קנאה,
וואָס זיי זענען נישט מיינע.
פאַרגיב מיר די שפלות, די קמצנות און הכנעה,
וואָס זיי זענען נישט מיינע.
פאַרגיב מיר די גיריקייט און שנאה,
וואָס זיי זענען נישט מיינע.

פאַרגיב מיר די רוגזה, דעם כעס און דעם צאָרן,
וואָס זיי זענען נישט מיינע.
פאַרגיב מיר אַלע זינדן, חטאים און שולדן,
וואָס זיי זענען נישט מיינע.
און אַלצדינג, וואָס איז דיינס אין מיר, איך קער דיר אום און סילוק.
נעם עס אָן, מיין האַר. באַוויליק.

# ווען ס׳פאַלט אַ פויגל צו דער ערד...

ס׳איז ווײ צו דעם פויגל וואָס אים איז באַשערט
צו פאַלן אין מיט פון זײַן פלי צו דער ערד.

אַדורכפליען האָט זיך אים דווקא פאַרגלוסט
ווען ס׳לויערט די יעגער־ביקס הינטערן קוסט.

דער הימל איז הויך און די ערד אַזוי ווײַט ,
דאָך פליט ער, דער פויגל, מיט אומרו און שרײַט.

ער גיט נאָך צו וויסן, דער נאַר, וועגן זיך.
די ביקס און די פליגל באַוועגן זיך גיך.

און אפשר גאָר שרײַט ער זיך גלאַט אַזוי, סתּם,
ווײַל רחבותדיק־בלוי איז דער הימל, דער ים.

און אפשר פון הונגער און אפשר פון פרייד ? —
ווער קען דען פון פויגלשער שפּראַך דעם באַשייד ?

און אָט נעמט אַ קויל און שרײַט איבער׳ זײַן שטים,
זי איילט זיך און גיכער נאָך פליט זי פון אים.

אַ רינג שוין פון קוילן, אַ נעץ איז פאַרשפּרייט,
און דאָ איז דער הימל בלויז תּכלית און זייד,

און אָפן און פריי — אָן דעם מינדסטן באַהאַלט —
נישטאָ איז אין הימל קיין שפּעלטל, קיין פאַלד,

קיין צווייגל, קיין נישע, קיין גזימס, קיין קאַרניז,
נאָר בלויז אַ פאַררעטעריש־זוניקע שפּיז.

די קויל האָט אין הימל געצייכנט דעם גזר —
נישטאָ קיין אַנטרינען, קיין רעטונג דערפאַר.

איז ווי צו דעם פויגל וואָס פאַלט פון דער הייך
ווען ס׳גיט אים די ביקס פונעם בלוי אַ פאַרשטרייך.

עס כאַפּט אים דער כלב און מאַכט אים צורעכט
און טראָגט אים צום האַר, ווי עס פּאַסט פאַר אַ קנעכט.

פאַרשעמט — און ווי קען דען זיין מער נאָך פאַרשעמט
ווי זיין אין די הינטישע ציינער פאַרקלעמט.

ער טראָגט אים, דעם פויגל, אין פּיסק — אַ טראָפּיי.
אים טוט גאָרנישט ווייַ מער, נאָר מיר טוט עס וויי.

## איך זיץ מירביים קאַמין...

איך זיץ מיר ביים קאַמין און הער זיך איין
ווי ס׳הערט נישט אויף אין אים דער ווינט צו קלאָגן.
ער זוכט אַ תּיקון? וויל צו מיר אַריין?
און הערט נישט אויף ביים האַרץ אַזוי צו נאָגן.

ס׳איז גוט אין צימער ביי געדעמפּטער שיין.
ס׳געגנעגען אָוונט־שאָטנס — מיינע אורחים.
מיט זיי צוזאַמען כ׳הער זיך איצטער איין
צום ווינט־געקלאָג און שעהען־לאַנג איך האָרך אים.

איך זיץ מיר ביים קאַמין. ס׳איז שבייסצונאַכטס.
ס׳איז גנעדיק דער פאָטעל מיט רו און פאַרגעניגן.
איך הער מוזיק, טרינק טיי מיט איינגעמאַכטס,
און כ׳לאָז מיך, צום געמיט, פון ווינט פאַרוויגן...

נאָר פּלוצלינג מעלדעט מען פון ליכטיקן עקראַן:
צוליבן שטורעם־ווינט אַ ישוב איז פאַרגאָסן;
אַ שיף גייט אונטער ערגעץ אויפן אָקעאַן
און פאַרן לעבן ראַנגלען זיך מאַטראָסן.

דער אומרו פון די שפּאַלטן איז צו מיר אַריין,
ס׳געקלאָג פון ווינט אויף אומגליק איז מרמז.
עס מערן זיך די שאָטנס, טונקלער ווערט די שיין
און פון קאַמין איך הער ס׳געוויין פון מאַמעס.

# די סען, מײַן שפּיגל

## פ י ש פ אַ נ ג

נאָך פישפאַנג בין איך מיר געפאָרן צו דער סען.
מיט אַלעם גוטן, אַלעם נייטיקן פאַרזען:
מיט האַקעס, מיט אַ ווענטקע, מיט אַ קענדל
און מיט אַ נעץ אַפילו.
איך וועל אָפּזיצן אַזוי אַ דריי־פיר שעה
ביים ברעג אַן איינגעבויגענער, אַ שטילער.
כ׳וועל שווייגן, ווי די פיש — אַ וואָרט אַ רענדל.
גראָזן, ווינט און פייגל וועלן איינהאַלטן דעם אָטעם גלייך
ווען איך וועל שטיל די נעץ אַראָפּלאָזן צום דנאָ
אַ פולע מיט געבעט, חלומות און פאַרלאַנגען,
די ווענטקע־שנור פאַרוואַרפן אויפן טייך
און אַ שניט געבן מיט איר דעם הימל ווי אַ מעטעאָר.
און אויב וועל איך קיין פישעלע נישט פאַנגען —
וועל איך אַליין כאָטש זיין געפאַנגען
פון דער שטילקייט — און דאָס גאָר.

זומער־וועלט און זומער־לעבן, זון און זונטיק.
מיט פאַסאַזשירן ציט דער צוג צום גרינעם נחת.
ווער ס׳דרימלט איין באַצייטנס און ווער וואַך איז.
דער קאָפּ איז שווער ביי איינעם — הונדערט־פונטיק.
אָט וויל ער שענקען אים א שכנהס אַקסל זייטיק
און אים אַוועקוואַרפן ווי עפּעס איבעריקס, נישט נייטיקס.
נאָר איך בין וואַך און מיר איז ליבער
צו קוקן צו מיין שכנה קעגנאיבער,
די יונגע פרוי, געקליידט אלטמאָדיש, דאַמיש,
אַ הוט מיט אויבסט — אַ סאָד אַ גאַנצער ממש,

און אַ וואַל אויף איר געזיכט, וואָס ער דערמאָנט מיר
אין עפּעס אייגנס — און אין אים דערזע איך גלייך
די נעץ מיינע וואָס כ׳פּיר מיט זיך צום טייך!
און דורך די קליינע לעכעלעך פאַרפּלאָנטערט —
צוויי פישעלעך געפאַנגען — אירע אויגן — צאַפּלען,
פישעלעך צוויי ליכטיקע וואָס צאַפּלען — די שוואַרצאַפּלען.
האָב איך מיט הצלחה שוין, מיט מזל און מיט גליק
געמאַכט מיין פישפאַנג און איך קען מיר פאָרן שוין צוריק —
צוריקפירן די נעץ, די ווענטקע און דאָס קענדל.
עס ראַיען ווערעמלעך דערינען און מחשבות אין געמיט.
אייל איך זיך אַהיים פאַרשרייבן אָט דאָס ליד,
הגם עס וועט נישט זיין: אַ וואָרט אַ רענדל.

## ס׳איז יום־טוב היינט...

ס׳איז יום־טוב היינט אין שטאָט און פרויען גייען
מיט בלומען אין די הענט צו יעדער טיר.
און כאָטש איך ווייס, זיי זענען נישט פאַר מיר —
דאָך הער איך זיך נישט אויף מיט זיי צו פרייען.

ס׳איז יום־טוב און די פרויען ווי מלאכים שוועבן
און ס׳שוועבן פון זיי שמייכלען — ליכטיקסטער באַציר.
און כאָטש די שמייכלען זענען נישט צו מיר —
איז גוט אין זייער גנאָד און זייער שיין צו לעבן.

## אַ פרוי אין מעטראָ

די פרוי וואָס זיצט אין מעטראָ מיר אַנטקעגן,
זי שטריקט און שטריקט און שטריקט.
די פלינקע פינגער אירע גיך, געשיקט,
זיי הערן גאָרנישט אויף זיך צו באַוועגן —
אַ שפּיל פון מאַריאָנעטן.
די ראַמפּעס טראָגן זיך פאַרביי. רעקלאַמע־בילדער שוועבן.
פּאַרפומען. וועלט־נסיעות. צייןן־פּאַסטע. גאָרסעטן.
ליקערן. פישפּאַנג. פערד־געיעגן. ניילאָן.
די פּאַסאַזשירן שטויסן זיך צונויף און איילן.
נאָר זי איז בלויז מיט איר געוועב פאַרנומען,
ווי זיך אַליין וואָלט זי געוואָלט אין דעם פאַרוועבן.
זי שטריקט אַ מלבוש פאַר דעם וואָס דאַרף ערשט קומען.
עס פורעמט זיך, דאָס מלבושל, ווערט גרעסער, גרעסער —
ווי ס׳לעבן אין איר לעבן.
זי זיצט און שטריקט און שטריקט.
זי שענקט מיר נישט צומאָל קיין בליק.
איך וועל עס איר געוויס פאַרגעבן.
דער פאָדעם־קנויל ביי איר אין טאַש הייבט אָן צו ווערן קלענער
און ס׳חיות אין איר לייב נעמט גרעסער ווערן.
אָט גיט זיך אַ באַוועג דער קנויל ביי איר אין טאַש
און עפּעס גיט זיך אַ באַוועג ביי איר אין די געדערעם.
זי זיצט און שטריקט און שטריקט און שטריקט.
עס פאַנגען מיך אין איר געוועב די פינגער אירע.
זי זיצט און שטריקט אין שווייגעניש, אַליין, באַזונדער.
די דרעטלעך אירע זענען סטרונעס — כ׳הער פון זיי מוזיק —
אַן אָדע שפּיל איך אויס אויף זיי, מיין שירה,
און כ׳הער נישט אויף באַוואונדערן דעם וואונדער.

# געבורט

ס׳איז פול מיט אַנגסט און וואַרטעניש דאָס צימער פון דער קליניק.
דורך ווײ און מאַטער וויקלט זיך אַרויס דאָס נײַע לעבן.
די אָטעמס האַלט מען אײַן — דעם נײַעם אָטעם זיי צו געבן.
די העכסטע רגע. שווייגעניש. און אָט, ווי ס׳איז דער מנהג,
די הייבאַם גיט, אין גוטן מוט, דעם נײַעם נפשל אַ פּעטשל,
און תּיכף נעמט עס שרייען — צו דער פרייד פון אַלע,
גלייך ווי דעם עכאָ וואָלטן זיי געהערט פון זייער לעבן,
דעם עכאָ פון דעם אייגענעם, פון זייער נאָענטן קול.
צי ווערט כאָטש וויסן עמעצער פון זיי אַמאָל
צי דאָס געשריי איז צוליב ווייטיק אָדער שרעק,
צי אומצופרידנקייט, צי גאָר צוליב התפּעלות
פאַר דעם בראשיתדיקן וועלט־אַנטפּלעק.

## פּאַריזער פּייזאַזש

פּאַריזער ווינטער־אָוונט. הייזער שטיקן זיך אין נעפּל.
וואָלקנס נידערן געשוואָלענע און גראָבע.
נישט ווייט פון מעטראָ־איינגאַנג, אויפן הוילן ברוק,
הורבעט זיך אַ קופּע שמאַטעס, אַלטע לאַכעס,
אָפּגעטראָגענע מלבושים, איבעריק שוין אין דער גאַרדעראָבע,
וואָס עמעץ האָט אַרויסגעלייגט אין גאַס, אַז עמעץ
זאָל זיי נאָך אָנטאָן און זיך אָנטאָן נחת.
אַט גיט די קופּע גאָר אַליין אַ צאַפּל און אַ צוק.
צי האָט דער קאַלטער ווינטער־ווינט מיט איר באַוועגט?
צי גאָר דער אומפּלייט, צי די מאַלן רירן זי פון אָרט?
דו ווייסט נישט גלויבן, מענטש, דאָס איז אַ מענטש,
פאַרוויקלט אין זיין אַלטן ראָק — אַ זאַק מיט ביינער.
זיין שפּלות מיט אַ צווייטער שפלות האָט ער זיך פאַרשטעלט,
פאַרדעקט דאָס פּנים זיינס, די נישט־געגאָלטע באָרד —
ער זאָל נישט קיינעם זען און אים נישט זען זאָל קיינער.
דער וועלט גייט ער נישט אָן — גייט אים נישט אָן די וועלט.
אין מעטראָ איילן מענטשן זיך אַראָפּצו מיט די טרעפּ.
צוויי שאָטנס טוליען זיך — פאַרמיידלט און פאַרייִנגלט.
עס פּלעטן זיי די קעפּ — די צייטונגס־קעפּ.
קאַסטראָ, טשע געוואַראַ, מאַאָ און דין ראַסק.
די בלעטער קלאַפּן אויפן ווינט ווי בייזע צינגער.
אַן אָפּן מויל היסטעריע איז דער קיאָסק.
די גאַנצע ערד באַפאַלן איז אַ היישעריק — דער טאַנק,
פאַרקרעמפּט איז זי אין זיינע קייטן און אין פּאַניק.
בלויז ער, דער מענטש, אַן ערטעלע האָט נאָך געפונען,
וווּ זי איז גוט צו אים און גנעדיק, גאָט זיי דאַנק:

די אײַזן־פּליטע פֿון דער מעטראָ וואָס דורך אירע גראַטעס
איז ער נהנה פֿון איר וואַרעמקייט און פֿון איר תּענוג,
ווו אויסדעמפּן קען ער זײַן לײַב און זײַנע שמאַטעס.
ווי אַ שטיק פֿלייש, אַ ביפֿסטעק אויף דער פֿײַערדיקער רושטע,
בראָט זיך דאָ זײַן גוף און ס׳גייט פֿון אים אַ פּאַרע
ווי פֿון אַ קרבן־עולה, פֿון אַ בראַנדאָפּפֿער אויף אַ מזבח.
און לעבן אים אַ פּוסטע פֿלאַש, אַן אויסגעניגטע־אויסגעקושטע,
וואָס האָט פֿאַרגעסן שוין פֿון לאַנג פֿון ווײַן די מראה.
פֿאַרטאָג, ווען ס׳וועט די מעטראָ עפֿענען איר מויל,
צערוקן די שטאַכעטן־יאַסלעס און אַרײַנבײַסן איר צאָן
אין ערשטע פֿאָרערס, נאָך פֿאַרשלאָפֿענע — שוין וואַך —
דאָס אַרבעטס־מאַלצײַט אין פּאַפּיר און בלעך אַרײַנגעטאָן;
ווען ס׳וועט זיך אויסטשוכען די גאַס פֿון נעפּל פֿונעם טרײַבן,
געוועקט פֿון ערשטע מילכקאַנען און וועגענער פֿון מיסט, —
העי, זאָל ער זיך דאָרט אַ ריר טאָן אויף דער מעטראָ־פּליטע
מיט זײַנע שמאַטעס! ווײַל אַנישט וועט נאָך פֿון וואָגן
אַראָפּ דער מיסט־יונג, ווי אַ הערשער פֿון אַ טראָן,
און אים נאָך אין דער עפּעגונג אַרײַן פֿאַרשיבן...

1965

## אַ פערד־און־וואָגן אויפן אָפּעראַ־פּלאַץ

כ׳וואָלט שווערן, אַז פון אַ מוזיי איז דאָס פערד מיטן וואָגן אַנטלאָפן,
פאַרבלאָנדזשעט אַהער צווישן „קאַדילאַקס״, „פּעזשאָס״ און „דאָפינס״ —

אַהער דאָ, אויף אָפּעראַ־פּלאַץ אין פאַרנאַכטיקע, דעמערונג־שעהען,
ווען ס׳שטעלט אָפּ איר האָגל די שרייב־מאַשין אין די ביוראָען,

און ס׳שיטן זיך אויס אויפן אַספאַלט די פּרויאישע דינע אָפּצאָסן
און פון מאַגאַזינען זיך איילט דער המון אַ צעפּליקטער אין פּאַסן.

אַ ראָד עסט זיך איין אין אַ ראָד ביז די יאַסלעס פון גומע,
און ס׳שלאָגט פון מאָטאָר דער בענזין ווי גערוך פון געסמאַליעטער טומאה.

אַ בלאַסלעכער שטערן ווערט צווישן די נעאָן־ליכט בטל בשישים.
איך גופא באַלד מיט אַ רעקלאַמע־אות אויבן פאַרמיש אים.

אַהער, אויפן אָפּעראַ־פּלאַץ, ווען דער זייגער ווייזט זעקס אָדער זיבן —
וואָס האָט ער זיך איצטער, דער נאַרישער סוס, דאָ פאַרקליבן ?

אויף לייטיש געלעכטער פון אויטאָוואַרג, פּלאָנטער און ענגשאַפט,
און ווי אַ נישט־היגער, אַ סימן פאַר שפּאָט און אַלט־פרענקשאַפט.

ער קומט פון אַן אַנדערער צייט אויף צו זיין דאָ אַליין און באַזונדער,
און ס׳גלאָצן די לאָמפּן פון אויטאָס אויף אים, דעם בייז־וווּנדער.

זיי האַווקען און שפּרינגען אויף אים און זיי ריטשען און לאַכן :
באַלד וועט מען דאָ קרעפּלפּלייש פון דעם פאַרזעעניש מאַכן !

די רויט־גרינע וועג־ליכטער שווינדלען: אָט פאָרן, אָט בלייבן!
און אויטאָס פון הינטן און פאָרנט אים ווילן צעקוועטשן, צערייבן.

צום ווונק פון פּאָליסמאַן, וואָס הויך ווי אַ ווינט־פענדל דרייט זיך,
זיי רייסן זיך אָפּ ווי נאָך צירק־בייטשן חיות צעלאָזטע, צערייצטע.

עס פינטלט דאָס פערד מיט אַן אויג ווי פון ערגעץ דעררופן —
אים האָט זיך געחלומט, קען זיין, פון קאַרעטעס און דאַמען אין בופן,

ברייט־ראַנדיקע היט מיט וואַלן, צעבליטע מיט קאַרשן און פלוימען,
און הערן אין פראַק און צילינדער און קוטשערס מיט גאָלדענע זוימען,

און שווערדן אין טראָלדן און הויזן מיט רויטע לאַמפּאַסן
און סקריפּעניש פון דיליזשאַנסן, ווי טויבן־געפּליעסק, אויף די גאַסן. —

נאָר ס'וועקט אים דאָס מעש פון די טרובעס און שטורכעט און האַקט אים די זייטן —
פאַרלוירן אויף אָפּעראַ־פּלאַץ און פאַרדרייט צווישן רעדער און צייטן.

## אויפֿן פּאַריזער אַספּאַלט

עס ליגן אויפֿן נאַסן, אָנהייב־ווינטערדיקן ברוק
צוויי ציַיטונגען פֿאַרבלאָטיקטע און קויטיק.
אָוועקגעוואָרפֿן האָבן זיי צוויי דורכגייער מסתמא,
שוין אויסגעלייענטע, נישט נויטיק.
שוין אויסגעשעפּט פֿון זיי, זעט אויס, גענוג,
פֿון אַלץ: ידיעות, מעלדונגען, פּירושים, נעקראָלאָגן.
פֿון זיי אַרויסגעצויגן ממש די עצמות.
איצט ווערן זיי פֿון רעגן און פֿון ווינט געטראָגן.
אָט פֿאַלן זיי און באַלד זיי שפּרינגען ווידער אויף,
ווי עופֿות וואָס דער חלף האָט זיי נישט דערשאָכטן,
און פּרוּוון געבן מיט די פֿליגל נאָך אַ פֿאָך.
אָט שטויסן זיך די ציַיטונגס־בלעטער, בוצקען זיך צונויף,
ווי ס'וואָלטן הענער צוויי אין אַ דועל געפֿאָכטן.
נישט אַנדערש, אַ פֿאַרביסענע פּאָלעמיק פֿירן ביידע נאָך
דאָ אין דער בלאָטע, און אַ שאַרפֿע קריגעריי.
און אָט, געטריבן פֿונעם ווינט און רעגן,
זיי לויפֿן איינע נאָך דער אַנדערער אין אַ געדריי
און דולע מאַכן זיי אַרום אַ ראָג־לאָמטער הקפֿות.
אין זייער שאָרכן און פּאַפּיר־באַוועגונג
איך הער ווי זייער אינהאַלט גיבן זיי זיך איבער,
דערציילן זיך פֿון מאָרדן, רויב און קאַטאַסטראָפֿעס.
און אַז עס קומט צום קעלער פֿון ראָמאַן
זיי נעמען זיך אַרום פֿאַרשיכורטע פֿון ליבע
(דאָ טוליעט ביידע זיי צונויף דער ווינט)
און שושקען זיך אַריין די שענסטע צערטלעכקייטן
וואָס זענען אין דעם ליבע־אוצר נאָר פֿאַראַן.

עס גייען איבער פון איין קעלער אין דעם צווייטן,
ווי פון איין בעט אין אַנדערן, די העלדן און העלדינעס
און מען דערציילט זיך סודות פון באַגערן,
פון לעכצעניש, תאוות, פון פאַרראַט און זינד,
פון בענקעניש, ליידנשאַפט און קנאות.
און פון פאַפיר־געשאָרך, נאָך אַלעמען, מיר דאַכט,
רק שבועות פון געטריישאַפט קען מען הערן.
אַזוי אַ גאַנצע רעגנדיקע נאַכט
ביז צו דער לעצטער שורה: „המשך קומט".
און דאָ ווערט אַלץ פאַרשטומט,
ווייל עמעץ ווייסט: קיין המשך וועט נישט זיין —
דאָס איז דער גאַסן־קערער וואָס ער וועט באַגינען
זיי טאָן אַ חסד מיט זיין בעזעם און פאַרקערן
אין גרילצנדיקן מיסטוואָגן אַריין.

# דערמאָנונג וועגן איציק מאַנגער אין פּאַריז

איך וואַרף אַראָפּ פון זיך די צייט ווי אַ משא.
ערשט איצט, מיט אַ האַלבן שאָק יאָרן צוריק.
ער זיצט אויף אַ רוישיקער קאַפע־טעראַסע
אַליין ביי אַ גלעזל — אויף פּלאַץ רעפּובליק.

דער קאַפעליוש העט אויף זיין שפּיץ קאָפּ אַרונטער —
אָרעאָל פונעם רום, צי פון דערנער אַ קרוין ?
פון גלעזל, וואָס האָט ערשט געבראַנדיקט ווי צונטער,
עס טראָגט זיך מיט קילקייט און ליידיקייט שוין.

אַלץ רינט־אויס אין לעבן אַזוי ווי אַ חלום —
די ליבע פון האַרצן, פון כוס דער געטראַנק.
ער כאַפּט זיך, ער האָט נישט מיט וואָס צו באַצאָלן,
אין טאַש נישט געבליבן קיין איינציקער פראַנק.

שוין שעהען־לאַנג זיצט ער. די קאַפע ווערט לערער.
ער איז דאָ פאַרמשכונט, צום טיש פאַרשמידט.
ער וואַרט, ס'זאָל פאַרבייגיין אַ ייד, אַ פאַרערער,
און אויסלייזן אים... נאָר מען זעט נישט קיין ייד.

עס רעגט אים דער שרייאיקער ליכט־רעגנבויגן
פון פאַלשע קאָלירן ביים טומבאַנק דאָרט הויך;
די שכנה, וואָס וואַרפט אים צו זייטיקע אויגן.
דער ביר אויף איר טיש וועפּט אויס — און זי אויך...

פאַרביי שוין דער קעלנער אַ צען מאָל אַוודאי
און טראַכט: „אָט דער טיפּ האָט נאָך אַלץ נישט געצאָלט".
און צאָלן אַלץ קען מען נישט מיט קיין באַלאַדע,
זי מעג זיין אַ וווּנדערלעך־שיינע ווי גאָלד.

דער פּאַטראָן נעמט אויסציילן ס'געלט פון דער קאַסע,
דער קעלנער קערט איבער די שטולן, ס'ווערט שפּעט.
די טישלעך צונויפגערוקט אויף דער טעראַסע —
און אים, פון דער ענגשאַפט אַרויס ווער נאָך זעט?

שוין לעשן זיך פענצטער אויף שטאָקן פון הייזער.
ער ווערט פון דער נאַכט און די טישלעך פאַרשפּאַרט.
און ער זיצט און קוקט אויס אַלץ אַ ייִד, זיין דערלייזער,
ביים ליידיקן גלעזל און וואַרט אַלץ און וואַרט.

— — — — — — — — — — — —

דאָס דרייסיקסטע מאָל פאַלן אָפּ שוין די בלעטער
אין האַרבסטיקן רעגן אויף פּלאַץ רעפּובליק.
איך בלאָנקע ווי זיי אינעם ווינטיקן שמעטער,
דורך שויבן פאַרהויכטע עס זוכט אים מיין בליק.

מיר דאַכט אַז איך זע אין געדריי פון די בלעטער
נאָך זיצט דאָרט זיין שאָטן און קוקט אויס אַ ייִד,
עס זאָל זיך באַווייזן אַ גואל, אַ רעטער,
און אויסלייזן אים און זיין טרוים און זיין ליד.

1968

## רי סען־דעני

אַ גאַס — אַ נעץ פון פעדעם, קליידער, שטאָפן.
זי גיט דיך אין איר פלאָנטער אַ פאַרצי.
אַרויס פון איר — נישטאָ אויף וואָס צו האָפן —
פון רי סען־דעני.

די פענצטער, ווו די שטאָפן־שייטערס ברענען,
האָט אַ מכשף אָנגעצונדן מיט קאָלירן־גלי.
די סחורות לויבן שיין־פאַרפוצטע מאַנעקענען
אויף רי סען־דעני.

נאָר מאַנעקענען אַנדערע פאַר טונקעלע האָטעלן,
צו לויבן זיך אַליין זיי גיבן זיך די מי.
די שטאָפן, קליידער דאַרפן זיי נישט צום געפעלן
אויף רי סען־דעני.

אַמאָל אַ שאַרפער בליק, אַ זייטיקער, אין לויער,
גיט זיי פאַרדעכטיק ס׳הוילע לייב אַ ברי —
פאַרשווינדן זיי, ווי מייז אין לעכער, אינעם טויער
אויף רי סען־דעני.

ס׳צעלויפן־זיך נישט לייכט אויף שפּיציקע אָפּצאַסן.
דאָס ענגע קליידל העמט זיי, העכער פאַר די קני.
מען שטעקט דערנאָך אַרויס צוריק די קעפּ געלאַסן
אויף רי סען־דעני.

צו דער, וואָס רופט אין פענצטער, קוקן זיי מיט קנאה —
זי מעג כאָטש ווינקען וויפל נאָר זי וויל, אַבי
איר שטערט מען נישט צו שטיין אין דער וויטרינע
אויף רי סען־דעני.

מאַדמואַזעל, מען וואָלט געדאַרפט זיך אפשר בייטן —
לאָז מיך אין שויפענצטער אַריין! — נאָר זי,
זי הערט נישט, ווינקט און רופט אין אַלע זייטן
אויף רי סען־דעני.

## נישטאָ מער יענער דאַך...

נישטאָ מער דער באַשירעמדיקער דאַך
און יענע געסלעך פינצטערע בעלווילער.
אויסגעזונגען וואָלט איך אים אַ שבח,
אויסגעדאַוונט וואָלט איך זיי אַ תפילה.

געקומען זענען מענטשן דאָרט מיט דינאַמיט
און יענע אַלטע ווענט און יאָרן אויפגעריסן.
נאָר מיין זכרון איז נישט מסכים אַלץ דערמיט,
נאָר מיין זכרון וויל פון דעם נישט וויסן.

אין חשכות גייט מיר עמעץ נאָך און שפּאַנט,
אַ שאָטן וואָס באַגלייט מיך אַלץ נאָך שטענדיק,
און פּלוצים לייגט אַרויף אויף מיר אַ האַנט.
זיין חתימה: סוף. און אַלץ איז באַלד געענדיקט.

איך רייס זיך אויס און לויף און לויף נאָך איצט,
די געסעלעך ווי ווינדלען מיך פאַרוויקלען.
ווו זענען זיי, וואָס האָבן מיך באַשיצט?
כ׳געפין זיך מער נישט, ליבסטער מקום-מקלט.

צווײ שאָטנס און די חשכות — איין געקנויל.
ס׳מיינט גורל יעדער טראָט און יעדע תנועה — טראַגיק.
ס׳קען יאָ און נישט מיך אָניאָגן די קויל
אין מיין געלויף אַהין-אַהער, זיגזאַגיק.

צעפֿליִגן זענען ווענט און טרעפּ פֿון יענעם הויז,
ווו שטיל האָב איך געשלייכט זיך אין די זאָקן.
אַנטלאָפֿן איז די לאַנדשאַפֿט און די מויז,
צו מאַכן פּלאַץ פֿאַר נייע הייזער־בלאָקן.

אין רחבֿות יעדעס פֿענצטער בלאַנקט און קלאָרט,
נאָר ס׳איז פֿון מיר קיין מינדסטע שפּור פֿאַרבליבן.
אומזיסט וועסטו מיין שאָטן זוכן דאָרט —
ס׳האָט אַ בולדאָזער איין מאָל אים צעריבן.

# אויף מיין גאַס אין פּאַריז

מיט עטלעכע טעג צוריק איז נאָך דאָ געשטאַנען אויף מיין גאַס אַ פולע שורה הייזער, אַ הויז ביי אַ הויז. איצטער פעלט שוין איינס, אַרויסגעפאַלן פון דער ריי, פאַרשוווּנדן ווי דורך אַ כישוף. אויף זיין אָרט איז געבליבן אַן אומהיימלעכע ליידיקייט ווי נאָך אַן אַרויסגעריסענעם צאָן. איך האָב גאָרנישט באַוויזן צו זען ווען און ווי אַזוי די אומברחמנותדיקע צוואַנג האָט אַרויסגעריסן דעם צאָן פון מויל.

אויף דעם אַלטן הויז, וואָס איז דאָ געשטאַנען לאַנגע, לאַנגע יאָרן, איז געפאַלן דער גזר אַראָפּגערוימט צו ווערן, בכדי אויף זיין אָרט זאָל אויפגעשטעלט ווערן אַן אַנדער הויז, א גרעסערס, א שענערס, א שפּאָגל-נייס.

טאָג נאָך טאָג, זע איך, אַרבעטן איצטער מעשים די בולדאָזערס, בייסן אויס שטיקער ערד, גראָבן דאָרט אויס אַ טיפע גרוב, מאַכן זי פיין און גלאַט. צו וואָס? דאָס, זעט אויס, איז דער סוד און יסוד פון דעם נייעם הויז; די טיפקייט זאָל קענען אונטערהאַלטן ווענט און עטאַזשן. ריזיקע קראַנען לאָזן זיך אַראָפּ, נעמען אַן פולע מיילער צעמאָלענע ערד און הייבן זיך אויף צוריק און זענען מיט איר מכבד די שווערע לאַסט-אויטאָס וואָס האַלטן זי אין איין שלינגען און פון דעסטוועגן עסן זיי זיך נישט איבער.

פאַרבייגייער, וואָס האָבן צייט, שטעלן זיך אָפּ, באַטראַכטן דאָס אָרט, פּרובירן טרעפן וואָס אַזוינס מען וועט דאָ אויפשטעלן. די אַרבעטער פאַרען זיך אַרום די מאַשינען, גיבן פון צייט צו צייט אַ קוק וואָס זיי טוען דאָרטן. די אַרבעטער מוזן אויך פון דעסטוועגן עפּעס טאָן און קענען זיך נישט אינגאַנצן פאַרלאָזן אויף די מאַשינען. אין גרויען ווינטער-טאָג ווימלען די אַרבעטער אַרום אין געלע קאַסקעס. לעבן זיי ברענען שייטערס, ביי וועלכע זיי וואַרעמען זיך און דערוואַרעמען זייער מאָלצייט אין קליינע בלעכענע קעסעלעך, וואָס זייערע ווייבער האָבן פאַר זיי צוגעגרייט אין פריען באַגינען מיט זאָרג און ליבשאַפט. סיי די קאַסקעס, סיי די אויפגעריסענע ערד און סיי די פייערן דער-מאָנען אין מלחמה, אין שלאַכטן. מען עטעמט אָבער אָפּ לייכטער ווען

מען זעט איין אז דאָ איז עס דאָס פּאַרקערטע. דאָ בויט מען אַ פריד־לעך הויז, וווּ מענטשן וועלן לעבן, זיך ליב האָבן און זיין גליקלעך און נישט פאַרלוירנגיין אומזיניק אויפן שלאַכטפעלד.

די אַרבעט שטייט נישט אויף אַן אָרט. פאַרבייגייענדיק באַמערקט מען דאָס פון טאָג צו טאָג. מען זעט ווי מיט דער צייט ווערט עפּעס אָפּגעטאָן און אויפגעטאָן, ווי עס ענדערט זיך כסדר, ווי היינט איז צו־געקומען עפּעס אַזוינס וואָס איז נאָך נעכטן נישט געווען.

לעבן די גריבער מיט אָנגעגרייטן צעמענט, ציגל, קאַלך זענען מיטאָג־צייט אויסגעזעצט די אַרבעטער און עסן זייער מאָלצייט. מיר דאַכט זיך, זייער מעניו באַשטייט טאַקע פון זאַמד, צעמענט, קאַלך. אַלץ איז העל, ווייס, מילכיק. בלויז די פלעשער מיטן רויטן ווייַן גיבן צו אַ פּולבלוטיקן טאָן, אַ לעבעדיקן, וואָס גיסט זיך צונויף האַרמאָניש מיטן פלאַם פונעם שייטער. די אַרבעטער עסן מיטן שווייס פון זייער פּנים, אָבער פריילעכע, ביי אַן אויפגעלייגט געמיט און ביי אַן אויפגעלייגט טישל. טייל עסן אַפילו גאַנץ פּשוט אויף דער שויס, אַנדערע לאָזן אַדורך דורך די ציין אַ סאַנדוויטש, ווי אַ מויל־האַרמאָניק. זיי עסן אויף איין פוס און כאַפּן אַ בליק מיט איין אויג אין דער צייטונג, וואָס דינט זיי אויך צומאָל פאַר אַ טישטעך. דאָס איז אַ פּיקניק אונטערן פרייען הימל, ביים פריילעכן שייטער, צווישן אָנגעוואָרפענעם חומר, בעלקעס, עמערס, שטריק און אַנדערע כלים. אַלץ רוט מיטאָג־צייט. מענטשן און מכשירים. דער גערויש איז אינגאַנצן אָפּגעשטעלט. די שעה פון דער אכילה איז פאַר די אַרבעטער הייליק. דער הויכער קראַן, לעבן זיי, ווי אַ זשיראַפע, וועל־כע רוט אויך מיטאָג־צייט, שטעקט פון דעסטוועגן אַריין די נאָז אין זייערע עסקים.

לעבן דעם אויסגעגראָבענעם שטח — די התחלה צום נייעם הויז, איז געשטאַנען אַ קליין הייזל, וואָס האָט זיך יאָרן־לאַנג אָנגעשפּאַרט אין דעם גרויסן הויז און געלעבט אין זיין זכות. אין איין שיינעם פרימאָרגן האָט מען עס אַראָפּגערוימט, ווייל עס איז דאָ געשטאַנען ווי אַן אבן נגף און געשטערט דעם אויפבוי פונעם נייעם הויז. ס׳איז טאַקע געווען קליין, איבעריק, אָבער גרויס אין די אויגן, און די שעה פון צעשטערונג איז געקומען דערויף.

אַ רחמנות האָט מיך אָנגענומען ווען איך האָב דערזען אַז דאָס הייזל איז מער נישטאָ, דאָס הייזל, צו וועלכן מיין אויג האָט זיך שוין

געהאַט אַזוי צוגעוווינט און עפּעס האָט עס איצטער ווי אויסגעפּעלט פאַר מיין ראיה.

יעדן טאָג, גלייך פון באַגינען אָן, הער איך דאָס כסדרדיקע הוד־זשען, זשומען, פּייפן און קוויטשען, ווייל דאָס נייע הויז ווערט געבויט לעבן דעם הויז וווּ איך וווין. עס דרילעווען די עקבויערס און לעכערן מיין געהער. מיין צימער איז פול מיט דעם אומהיימלעכן גערויש. נישטאָ וווהין צו אַנטרינען פון אים. איך לויף אַרויס פון צימער אין קיך אריין, מיינענ־דיק אַז אַהין וועט אפשר דער גערויש ווינציקער דערגיין. באַלד אָבער זע איך איין אַז עס איז איינס און דאָס זעלבע. וווּ איך זאָל נישט לויפן, הער איך אים, דעם גרילצנדיקן געהילך, וואָס גיט מיר נישט קיין רו. איך קען נישט צונויפנעמען די געדאַנקען, וואָס צעלויפן זיך אין אַלע זייטן, ווי אַ צעריסן שנירל פּערל. די פען פאַלט מיר אַרויס פון האַנט. איך ווייס, אַז אינגיכן וועלן דאָ מענטשן וווינען, זיין צופרידן פון די רחבות־דיקע אַפּאַרטאַמענטן, פון די ליכטיקע קיכן, פון די אינטימע שלאָף־צימערן, פול מיט גליקלעכע סודות און פאַרבאַרגענישן. דערווייל גייט עס אויס צו מיין געמיט, צו מיין שאַפן, צו מיין ליד.

עס וואָלט געווען נאַריש פון מיין זייט צו באַקלאָגן זיך אויף דעם פאַר עמעצן. מען וועט דען צוליב מיר אָפּשטעלן דאָס בויען דאָס נייע הויז ? ווען די אַרבעטער וואָלטן, אגב, געהערט אויף וואָס איך באַקלאָג זיך, וואָלטן זיי געלאַכט פון מיר דאָס גרעסטע געלעכטער. און דאָס הערן זייער געלעכטער וואָלט מיר נאָך מער וויי געטאָן ווי דאָס הערן זייערע עקסקאַוואַטאָרן, בולדאָזערס, עקבויערס, קראַנען.

## אייביקייט...

וואָס איז אַזוינס אייביקייט? דאָס פרעגן אַליין איז שוין אַלט אַן אייביקייט. מען האָט שוין געפרעגט אַ סך, אַ סך פריער פאַר מיר און מען וועט נאָך מסתמא פרעגן אַ סך, אַ סך שפּעטער נאָך מיר. אפשר וועט עמעצער אַמאָל וויסן דעם סוד און דעם באַשייד און וועט זיין ביכולת צו געבן אַן ענטפער. איך, לעת־עתה, קען דעם ענטפער נישט געבן קיין שום בן־אדם און מיר אַליין אויך נישט.

בײַם טויער פון איינעם פון די אַלטע הייזער פון דער אָרעמער גאַס, ווו איך פלעג פאַרבײַגיין יעדן טאָג, פלעג איך זען אויף דער וואַנט אַ מאַר־מאָר־טאָוול צום אָנדענק פון אַ געפאַלענעם קעמפער, וועלכער האָט געוווינט אין אָט דעם הויז. דאָס שיינע איידעלע מאַרמאָר־שטיק מיט די אויסגעקריצ־טע גאָלדענע אותיות איז שוין אויך אין איינוועגס געווען אַ באַצירונג פאַרן אַלטן, אָרעמען הויז און עס האָט באַשיינט די גרויע וואַנט, פּונקט ווי דער טויט פונעם געפאַלענעם קעמפער האָט באַשיינט דאָס לעבן.

די פאַרבײַגייער, וואָס פלעגן זיך אָפּט אָפּשטעלן אַ ווײַלע פאַרן אָנ־דענק־טאָוול, האָבן געקענט לייענען אויף אים:

„דאָ, אין אָט דעם הויז, האָט געוווינט דער פּאַרטיזאַנער (דער און דער) וועלכער איז דערשאָסן געוואָרן דורך די דײַטשן. אייביקער רום זיין אָנדענק".

צי האָט דאָ באמת דער אייביקער רום פאַר דעם, וואָס האָט אַמאָל געוווינט אין אָט דעם הויז, געקענט זיין פאַרזיכערט מיט אייביקייט?

אַנומלט האָט מען דאָס אַלטע הויז, ווו דער אָנדענק־טאָוול איז געווען צוגענאַגלט, איינגעלייגט, איינגאַנצן צעשטערט. גאָרנישט איז געבליבן דער־פון, נישט דאָס טויער און נישט די וואַנט און אויך נישט דער טאָוול, וואָס איז פאַרשוווּנדן צוזאַמען מיט דער וואַנט. האָט ער דען געקענט בלייבן הענגען אין חלל? צוגענאַגלט צו דער לופט?

ווען איך פלעג נאָך דעם פאַרבײַגיין דאָס אָרט, האָט דאָס אומהיימלעכע בילד פון צעשטערטקייט, פון דעם פאַרשווונדענעם הויז, אַרויסגערופן ביי

מיר צער, אָבער מער האָט ביי מיר אַרויסגערופן צער דער פאַרשווונדענער מאַרמאָר־טאָוול, גלייך ווי מיטן אָפּמעקן דאָס הויז וואָלט מען אויך אָפּגעמעקט דעם אָנדענק פון דעם געפאַלענעם. און הגם נישט איך האָב דאָס גורם געווען, האָב איך זיך געפילט שולדיק, שולדיק לגבי דעם, צו וועמענס אָנדענק דער טאָוול איז דאָ געווען צוגעפעסטיקט צו דער וואַנט.

איך האָב געזען אַז אויפן אָרט, וווּ דאָס הויז איז געשטאַנען, איז געבליבן איצטער בלויז אַ גרויסע טיפע גרוב, אין וועלכער מען וועט אינגיכן פאַר־לייגן דעם יסוד פון אַ שפּאָגל־נייעם בנין. עס פאָרען זיך שוין באַצייטנס און ראַיען אינעווייניק אין דער גרוב אַרבעטער. עס טראָגן זיך אין דער לופט קראַנען, מאַשינען הייבן אויף געשיקט און פלינק זאַכן, בראָכוואַרג, אויס־געגראָבענע ערד און לאָזן אַראָפּ מכשירים, בוי־מאַטעריאַל און שטעלן דאָס אַלץ אָוועק דאָ וווּ מען דאַרף, ממש ווי מיט אַ שכל, מיט אַ סדר, מיט אַ מאָס. דאָ, וווּ עס איז געשטאַנען דאָס אַלטע נידעריקע הויז, וועט אינגיכן שטיין אַן אַנדער הויז, אַ שיינער פיל־שטאָקיקער בנין.

מיך מאַטערט אָבער אַ פראַגע: וואָס וועט זיין מיטן אָנדענק־טאָוול? וועט מען אים דאָ צוריק אויפהענגען אויף דער נייער וואַנט ביים טויער? און וועט מען דען מעגן אויסקריצן אויף אים: „דאָ האָט געוווינט״? ווייל אין דער אמתן האָט דאָך דער, וואָס איז אַמאָל געפאַלן, דאָ נישט געוווינט. ניין, ער האָט דאָך אין אָט דעם נייעם שיינעם הויז נישט געוווינט, נאָר אין יענער אַלטער חורבה.

אַבי איך האָב געמיינט, אַדורכגייענדיק טאָג־איין, טאָג־אויס די גאַס, אַז דאָס אַמאָליקע הויז איז דאָ געווען פאַרזיכערט מיט אייביקייט, אַז דער אָנדענק־טאָוול ביים טויער איז געווען צוגעפעסטיקט אויף אייביק מיט די טשוועקעס פון אייביקייט און אַז דער אייביקער רום איז איינגעקריצט אין אים אויף אייביק.

## אַ טויטער הירש מיט בלוטנדיקע אויגן...

א טויטער הירש מיט בלוטנדיקע אויגן
אין דרויסן פאַר דער יאַטקע הענגט.
זיין הערנער־קרוין —
אַ דערנער־קרוין.
און זיינע אויגן בלוטיקן, ווי טויטערהייט
וואָלט ער נאָך צו זיין ווילדן וואַלד געבענקט,
ווו טראָגן פלעגט ער זיך אַ פייל פון בויגן,
מיט הערנער אָנגעצונדן פון דער זון,
ווי אַ ברענענדיקער קאַנדעלאַבער.

ווי ווייט דאָס איז שוין אַלץ, ווי ווייט...

דער קצב האָט אַ צעטל אויף אים אָנגעהאָנגען,
דער טויטער הירש זאָל אָנזאָגן די דורכגייער אין גאַס:
„מאָרגן וועט מען מיך צעטיילן אויף חלקים".
מאָרגן וועט מען אים פאַר דער געשעצטער קליענטעל
צעהאַקן און צעבראָקן.
בלייבט מען פאַרן טויטן הירש אַ ווײַלע שטיין,
שמייכלענדיק פון פיינעם איינפאַל און פון שפּאַס.
נאָר מיר דוכט, עס בלוטיקן נאָך מער ביי אים די אויגן
וואָס ער מוז חוזקן פון זיך אַליין
און זיך אַליין מוז ער פאַרשעמען.
און אויף די הערנער גרייט איז ער צו נעמען
די גאַנצע טומלדיקע גאַס.

# דער צעשפּאָלטענער שפּיגל

אין קאַפע „לאַ וויעלעז״, אין מלכות פון בעלוויל,
ביים פּראָסטן קאָנטואַר, דעם טונקלען האַלבן עיגול,
צוויי אַלטע אינוואַלידן — שוואַרצער שאָטן־שפּיל —
צעשפּאָלטן און צעקרימט — אין דעם געפּלאַצטן שפּיגל.

דער שפּיגל איז א זכר נאָך פון ערשטן קריג.
דערציילן וועגן אים נישט נייטיק זענען ווערטער.
געטראָפן האָט אַהער מיט יאָרן־לאַנג צוריק
דער דייטשישער קאַנאָן אין אים, די „גראָבע בערטע״.

געטראָפן האָט ער צווישן טרינקערס, גלעזער, וויין,
און בלוט פּאַרמישט מיט ראָזלעכע אַפּעריטיוון.
דער שראַם, דער שפּאַלט אין שפּיגל וועט אַן עדות זיין.
עד־היום לאָזט מען אים אין וואַנט אַזוי בכיוון.

דער קאַפע־פּאַטראָן מיט א צווייטן זיך פּאַרבייט,
מסחרים טוישן זיך אַרום אין די געוועלבער.
דעם אַלטן שפּיגל אָפּגעריבן האָט די צייט,
דאָך טוישט מען אים נישט איין. ער בלייבט, ער בלייבט דער זעלבער.

משונה גרילצן פּליטעס און פּאַרטויבן דאָס געהער,
מטבעות קלינגען, קאַפע־כלים קאָכן, זידן.
די וווּנד אין שפּיגל היינט דערפילן זיי נאָך מער
ווי וווּנדן אייגענע אַמאָל, די אַלטע אינוואַלידן.

דער שפּיגל ווייזט זיי דאָ דעם בלאָטיקן טראַנשיי.
אין גסיסה עמעץ אין דער בלאָטע איז פֿאַרזונקען.
אין שפּיגל־גלאָז פֿאַרגלייזטע אויגן זעען זיי —
און לאָזן איבער שוין די גלעזלעך נישט דערטרונקען.

דאָס שפּליטער־גלאָז אין דעם געטראַנק, אין איבערבלייב.
ס'איז שווער זיי פֿון זיין טויטן־שימער זיך באַפֿרייען.
פֿאַרשניטן האָט ער זיך ביז בלוט אין זייער לייב,
דער אָנדענק־שפּיגל, וואָס געדייטשט איז ער, גע'קינ'ט.

## רי דע ראָזיע

דאָ שמעקט נישט מיט רויזן די גאַס, נישט די קראָמען,
כאָטש ס׳נעמט זיך איר נאָמען פון רויזן, ווי כ׳זע.
עס שמעקט דאָ מיט הערינג, מיט נעכטן, מיט בשמים
אויף רי דע ראָזיע.

עס דאַוונט אַ פּליטע און הויך ווערט נתגלה,
צום אייבערשטן זינגט אויף דער אייבערשטער „צע״.
זי דרייט זיך עקשנותדיק־דול מיט אונדז אַלע
אויף רי דע ראָזיע.

זי דרייט זיך מיט אונדזערע דאגות צוזאַמען,
מיר זאָלן געדענקען איר ליד שבעל פּה.
און ס׳בריוועלע זוכט דעם אַדרעס פון דער מאַמען
אויף רי דע ראָזיע.

עס ווערט דאָ געתפילהט, געטויוולט, געמלעט,
אַ יאָרצייט־ליכט לעשט זיך נישט אויס, ווי דער סנה.
אַ שיין פון סלאָבאָדקע, אַן אָפּקלאַנג פון באַלוט
אויף רי דע ראָזיע.

אַ שטיק פראַנצישקאַנער, אַ שטיק מאה־שערים.
אַ פּילפּול, אַ פּיקחותדיק לאַכן: כע־כע.
און פּלוצים נעמט אָן מיך מיין מאַמע ביים אָרעם
אויף רי דע ראָזיע.

אַ יינגעלע, פּאות פֿאַרדרייטע ווי שרויפֿן,
די הייזלעך צעשפּיליעט, נאָר זאָג נישט: ס׳איז פּע —
ווי פֿון אַ געמעל מאַנע־קאַצס קומט צו לויפֿן
אויף רי דע ראָזיע.

דאָס קלאָר־ווייסע ציגעלע זיינס האָט פֿון פּלאַמען
פֿאַרלוירן דאָ ערגעץ אין הייפֿלעך אַ „מע״.
קום, יינגעלע, לאָמיר אים זוכן צוזאַמען
אויף רי דע ראָזיע.

# צו תשליך

כ׳וועל גיין צו תשליך צו דער סען, ווי מיינע זיידעס צו דער ווייסל
און צו דער קאָרווער „שמאָלע זשיקע״ — די עבירות אויסצוטרייסלען,

ווי ס׳פלעגט מיין טאַטע גיין מיט ברעקלעך ברויט אין די בגדים,
צו וואַרפן זיי, כאָטש יעדע קרישקע איז געווען אַ שאָד אים.

כ׳וועל גיין צו תשליך צו דער סען מיט ברעקלעך אין די טאַשן,
מיין קויטיק העמד און מיין נשמה דאָרטן אויסצוואַשן.

כ׳וועל מיינע זינד אַריינוואַרפן אין לויטער־קלאָרן וואַסער.
ווי שווער זיי זענען אין דער טאַש, נאָך מער אין האַרץ — אַ משא.

נישט ברעקלעך — לאַכמעס דאַרף איך וואַרפן אין די כוואַליעס דאָרטן
און זיך אַליין אויך שליידערן פון שטיין־פּאַרענטש, פון באָרטן.

נישט ברעקלעך, נאָר אַ גאַנץ געבעקס דאַרף איך אַהין פאַרפירן
און ווי אַ שאָטן שטיין ביים ברעג און פונעם אָרט זיך מער נישט רירן.

# שטיינער צוקאָפּנס

## דער אומגליקלעכער בוים

צו וואָס מען האָט אַ בוים פֿאַרפּלאַנצט,
צו וואָס עס איז אַ בוים געוואַקסן!
צו וואָס אין פּראַכט פֿון בלי געגלאַנצט
און דורכגעגאַנגען שלעק און שלאַקסן.

מען האָט פֿון וואַלד אים אויסגעהאַקט,
פֿאַרשניטן האָט מען זיינע יאָרן,
פֿאַרלאָדן אים און מיטן טראַקט
מיט אים צום טויטן־טאָל פֿאַרפֿאָרן.

די זעג האָט אירע קרומע ציין
געשטשירעט אויפֿן בוים פֿאַרביסן,
געוואָרפֿן זיך אויף זיין געביין
און ווי אַ חיה אים צעריסן.

דער גזר אויף אים געווען איז שאַרף:
אַז ער זאָל אָנצינדן ס׳גיהנום.
און ברענען ער אַליין באַדאַרף
און ברענענדיק — הרוגים ברענען.

פֿון אויבן האַלץ, פֿון אונטן האַלץ,
און מענטש אין מיט, נאָך אַלע פּלאָגן.
דערויף אַ בוים דאַרף וואַקסן שטאָלץ,
אַ קרוין פֿון בלעטער דאַרף ער טראָגן!

מען האָט אים אויסגעהאַקט אויף דעם,
צעשיידט מיט מאַמע־ערד געטרייער,
ער זאָל פאַר גופים זיין אַ קלעם,
אַרומצוצונעמען זיי מיט פייער.

אָט דער, וואָס בלוט אים אַלץ ניט שטילט,
ער טראָגט א טויטן־קאָפּ מיט ביינער —
זיין סימן מובהק און זיין שילד —
אַלץ ברענט ער, אויסער ס׳גאָלד פון ציינער.

זיין טויטן־קאָפּ דאַרף הערשן בלויז,
פאַרשווינדן דאַרפן די הרוגים.
פאַר קברים, כאָטש די ערד איז גרויס,
קיין אָרט און צייט איז נישט געגוג אים.

זיי דאַרפן בלאָנקען אין דער לופט,
זיי זאָלן נישט די ערד פאַרסמען.
און אויסגעמישט, פאַרבוימט, פאַרגופט,
איין שייטער ברענט, איין שטויס צוזאַמען.

עס פּלאַצט די קאָרע און די הויט,
דעם באָדן אויך ברענט אויס דער פלאַקער.
דאָ וועט נישט וואַקסן מער קיין ברויט,
די ערד וועט אָפּוואַרפן דעם אַקער.

דער שייטער טליעט נאָך קוים־קוים,
עס קאָרטשעט זיך די ערד אין ליידן,
און אַש פון מענטש און אַש פון בוים
ווער וועט דאָ קענען אונטערשיידן?

## יידישע ברילן

אַ הויפן מיט ברילן, פאַרשניטן אַ גלעזל אין גלעזל,
זיי קוקן פאַרטרערטע־פאַרהויכטע פון שאַנק אין מוזיי־זאַל.

ווו איז די מיליאָניקע ראיה? פון אויג דער שוואַרצאַפּל?
פאַרפלאָנטערט און ענג, ווי די גופים אין לעצטן געצאַפּל.

די ביינערנע, דראָטענע הענטלעך פאַרמישט פון געשליידער,
אַזוי ווי אין גרוב די דערשטיקטע משפחות און עדהס.

איינס רייסט זיך אַרויף, איינס אַרונטער, אַזוי ווי די גלידער
אויף אייביק פאַרברידערט, פאַרוואַלגערט אַראָפּ אין דער נידער.

אַ הויפן מיט ברילן. קענסט מיינען אַ רעשטל אַ ביליקס
אויף עפּעס אַ יאָרמאַרק פון אייזנוואַרג, צי... — וואָסער חילוק?

ס'איז קיינעם נישט ניצלעך געווען, איז דאָס רעשטל געבליבן
פאַרלאָזן, ווען איינפּאַקן האָט שוין דער מאַרק זיך געקליבן.

פאַרביי זענען קונים, אַ קוק בלויז געטאָן צו די ברילן.
בלויז איינער פאַרהאַלט זיך, דעם בליק זיינעם קען ער נישט שטילן.

ער זעט נישט דעם האַנדל, די בוידן, די קונים, די גייער.
ער זעט בלויז די יידישע ברילן אָן אויגן, אָן זעער. — —

דאָס זע איך דורך זיי דעם גיהנום התחתון אָשוויענטשים.
דער אָפּשיין פון זייערע גלעזער איז הייליק און כ'בענטש אים.

זיי וועלן דורך שטויבן פון יאָרן פאַראומריינט נישט ווערן —
פאַרבליבענע יידישע ברילן — געוואַשן פון טרערן.

כ׳דערקען דאָ דעם לערערס גיגאַנטישן אײגן־אייזנעם צוויקער,
דעם אלף־בית זוכט ער, די שול־באַנק, צעבראָכן אויף שטיקער.

די בלוילעכע גלעזלעך פון בלינדן, וואָס אים ווי א נס האָט
אַ ליכטפלעק אַ מוטנער פון דאָרטן געשיינט ווי אַ חסד.

קען זיין, אַז דורך די, מיטן שנירעלע, צי גאָר דורך יענע,
פלעגט שבת די באָבעשי קוקן אין איר צאינה־וראינה.

אַ גוטע־וואָך אויסקוקן דאָרט, מיט איר בריל, פון די בלעטער,
פאַרגעלטע און טונקלע אין דעמערונג־שעה אין דער שפּעטער.

און ווי אַ מכשף, דורך יענע געשליפענע גלעזער
פלעגט אותיות שלינגען נאָך האַלבנאַכט דער פלייסיקער לעזער.

דורך די־אָ, קען זיין, האָט מיין טאַטע, דער קאָריוועט חייט,
געשטשאָבעט ביינאַכט, ביז אין לעמפּל דער נאַפט האָט געסטייעט.

מיר דאַכט, ווי זיי וואָלטן געהאַט נאָך פון אויגן דעם בייגער —
זיי קוקן פאַרעקשנט אויף מיר, דעם פאַראָבלטן שווייגער.

אויך איך וועל זיי זען דאָ ווי לאַנג נאָר מיין אויג וועט זיין אָפן —
די רונדיקע גלעזער, ווי זיגלען פון אייביקע שטראָפן.

די יידישע ברילן... אַ נס האָט זיי ווידער מיט ראיה פאַרצויגן —
זיי זאָלן עד סוף כל הדורות אַריינקוקן אונדז אין די אויגן.

1963

# די טענה פון ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער אין טויטן־לאַגער

די טויטנדיקע דראָטן־נעץ צעפליקט דעם בלוי פון הימל.
צווישן די קאַצעטלער — הויט־און־ביין און טראַנטעס — אַ געווימל,
שטייט ער צום אַפּעל — אַ לעבעדיקער מת.
סעלעקציע. בלויז אַ מאַך פון פינגער פון עס־עס —
דאָס קליינע צינגל פון דער גורל־וואָג,
וועט ווייזן באַלד צי דאָס איז שוין זיין לעצטער טאָג:
ווער ס׳איז למיתה און ווער ביי עבודת־פרך נאָך צו זשיפּען.
א תפילה עפּנט קברדיק דעם שניט פון זיינע ליפּן.
פאַרנאַכט. די שקיעה גיסט מיט גאַנצע צעבערס בלוט.
ס׳איז יעדער שטראַל אַ פייערדיקע רוט
אויף דעם פאַרפּייניקטן און הוילן לייב פון די אסורים.
עס האַלט אים אויף די רוחניות און די יסורים
פון זיינע גורל־ברידער, פונעם שטייענדיקן עולם.
און שטיל, בלחש, מורמלט ער: רבונו של עולם,
וואָס האָסטו אָנגעזעצט זיך אויף דיין פאָלק ישראל?!
צי דען־זשע ווערסטו שוין אַפילו נישט נתפּעל
פון זקנס לעצטן גוססדיקן „שמע ישראל"
און פונעם ערשטן עופּהלעס געוויין?
אָט דאָ, צו שאַנד און שמאַך, מיט אַלע שטיי איך,
איך, לוי יצחק, און טו פרעגן דיך אַ גרויס געפרעג.
פּקוח־נפש איז פון כלל ישראל און נישט שייך צי איך מעג:
צי דען־זשע זענען דיינע הימלען אַזוי שווער און גראָב
אַז נישט אַדורכגיין קען דורך זיי צו דיר דער ריח
פון אונדזער ברענענדיקן בראַנדיקן געביין
און ס׳קען דורך זיי דיין חסד נישט אויף אונדז אַראָפּ?

איך, לוי יצחק, זאָג דאָס דיר, דיין קנעכט און עזות־פּנים:
דו מעגסט דאָרט פון זיין שטעלע אָפּשאָפן דעם מלאך־המוות,
דו קענסט איגנאָנצן שוין באַגיין זיך אָן אים,
ווייל ס׳האָט פאַרביטן אים דער רשעותדיקער דייטש,
וואָס איז אונדז עוקר מן השורש ווו נאָר וויסטע פעלדער, ראָוועס.
עד מתי, פרעג איך דיך, עד מתי? סטייטש?
אויב ווּעסטו, גאָטעניו, דאָס ווייטער לאָזן אַזוי גיין
קען דאָס, חלילה, אויסגיין נאָך צו דיר אַליין,
ווייל ס׳וועט נישט בלייבן באַלד ווער ס׳זאָל דיך לויבן,
ווער ס׳זאָל זיך מוסר־נפש זיין פאַר דיינעטוועגן
און דיין געבאָט מקיים זיין און גיין אין דיינע וועגן.
אָן אונדז, פאַרלאָזט און עלנט וועסטו בלייבן אויבן,
ס׳וועט ווידער וויסטעניש נאָך אונדז פון אַלצדינג ווערן,
ס׳געיאָמער פון שאַקאַל, שטאָט אונדזער תפילה וועסטו הערן,
דאָס הוליען פון דער טומאה און דאָס פאָכען פון דער בייטש —
דרום קום איך, לוי יצחק דיך צו פרעגן: סטייטש און סטייטש?

# די שכינה אין די חורבות

אין פוסטע, אין יידישע שטעטלעך פון פוילן,
ווו איינציק נאָך אונדז איז די שפּור פון בית־עולם,

און טיילמאָל דאָס אויך נישט. אויך ער איז פאַרשוווּנדן —
צעבערגלט פון קברים, ווי מכות פון ווונדן.

אַרויסגעשלעפּט האָט מען באַגילדטע די שטיינער,
אַזוי ווי פון מיילער די גאָלדענע ציינער.

און איצט איז דעם יחוס פון דורות מבזה
אין פעלד אויף דער פּאַשע דאָס פערד און דער חזיר.

אין פוסטע, אין יידישע שטעטלעך פון פוילן,
אין עלנטקייט וואָגלט די שכינה פאַרהוילן.

און גוט וואָס זי ווערט נישט געזען דאָרט פון וועמען,
מען זאָל זי נאָך מער, א פאַרשעמטע, פאַרשעמען.

עס בלאָנקעט ארום אין די שטעטלעך די שכינה
און קען זיך קיין אָרט נישט, קיין תיקון געפינען.

זי הערט זיך איין לאַנג הינטער פענצטער און טירן —
גאָטס וואָרט זאָל דאָס ווער מיט די ליפּן באַרירן.

זי הערט מער נישט זאָגן א קינד: „מודה אני״,
בלויז חזיר־פּעטס פּרעגלען און „יעזו קאָכאַני״.

נישטאָ ווער ס׳זאָל בענטשן און לויבן איר נאָמען
און שפּרינגען קדושה און נאָכזאָגן אָמן.

אַמאָל פלעגט מען איינעם צום גוטן דערמאָנען:
„עס קוקט דאָך די שכינה אַראָפּ פון זיין פּנים״...

איצט ווו איז דאָס פּנים, דאָס איידעלע, שטילע,
ווו רוען זאָל זי אין דער דביקות פון תפילה?

ווי האָט זי פון סופר, פון שוחט, פון דיין
נישט הערן געקענט זייער רופן און שרייען?

און לאָזן די צנועה, דעם עילוי, דעם למדן
פאַרמישן מיט וואָלקנס, מיט שטויבן, מיט זאַמדן? — —

זי נעמט זיך אין זייערע שאָטנס פאַרהילן,
ווי נשים אַמאָל מיט די שאַלן אין שילן,

ווי שיצן זיך פאַר די חרטה־מחשבות:
געדאַרפט האָט זי מיטגיין מיט זיי אין די ראָוועס,

מיט פּעק און מיט קינדער ביים יאָגן, ביים טרייבן,
דערשטיקטע — מיט זיי אַ דערשטיקטע צו בלייבן.

זי וואָגלט אַרום צווישן חורבות און דערנער.
פאַרשטומט איז דאָס יונגיטשקע קול פון די לערנער.

זי הערט שוין נישט מער די מתפללים אירע.
אַליין דאַרף זי לויבן און זינגען זיך שירה.

זי וועט קיין מנוחה דאָרט מער שוין נישט האָבן —
און נעמט זיך אין זייער הלבשה פאַרגראָבן,

און יאָמערט אַריין אין די פינצטערע פאָלעס —
די שכינה אין פוסטן, אין פוילישן גלות.

## דער שטעקן פון י. ל. פרץ

ערב פסח שלייכט זיין שאָטן פונעם אוהל זיך ארויס, ווי פון א נישע,
וואָס צוויי לייבן פלעגן אים דאָרט היטן, ווי אַ פעסטונג, פון דער רישעות.
ער פאַרהילט זיך אין דער פינצטערניש פון חצות און אין זיין פּעלערינע
און ער לאָזט זיך זוכן שבת־יום־טובדיקע יידן זיינע, כאָטש אַ מנין,
נעמט זיין שטעקן, וואָס געשטאַנען איז פאַריתומט אויף טלאָמאַצקע דרייצן,
כאָטש דערוואָרגן און פאַרסמאַליעט האָבן אים די פייערשלענג פון האַקנקרייצן,
און עס פאַלן פון אים שטיקער, קויל און גלאָווניע פון אים שיט זיך —
איבער ווארשע וועט ער גיין אַצינד, מיט אים זיך ווערן און באַשיצן.
פאַרכטיק, ווי דער סצעפּטער פון אַ מלך, איז דער שטעקן דאָרט געשטאַנען,
אויף טלאָמאַצקע אין אַ חדרל, וואָס פאַר דער בימה און דער פיאַנע,
אין אַ ווינקל לעבן זיינעם אַ כתב־יד אין גלאָז און אַנסקיס טויטן־מאַסקע,
וו געווייעט האָט פון אים מיט יראה, אימה, גנאָד און לאַסקע,
וו לעגענדע פלעגט זיך מיטן שפּינוועבס דאָרט צוזאַמען שפּינען.
אונטערשפאַרן פלעגט ער ווי אַ זייל, דער שטעקן, אונדזער היכל, אונדזער בנין.
ס׳קוקט זיין גאַלקע דאָרט אויף מיר, ווי אַ פאַרלאָשענער שוואַרצאַפּל,
נאָר אָן מורא כ׳קלעטער הויך צו אים, ווי צום אַלהעכסטן שטאַפּל.
אַלע שאָטנס פון טלאָמאַצקע האַלטן אונטער אים, דעם שטעקן,
לאָזן נישט צעפאַלן אים, ער זאָל זיי ווייטער רופן, וועקן.
אין באַגינען פירט דער שטעקן היינט זיין האַר לענגאויס דער גענשע,
וו ער איז אַ האַלבע מאה יאָרן דאָרטן נישט געוועזן שוין,
אָנצוהערן זיך די ליבע קולות פון די טומלערס און די רעשערס:
„וואַבאַ, געטס אַרוען שנעל, דער קעסל קאָכט! אַלץ ווערט געכשרט!"
„געטס אַרוען וואַבאַ, מיידלעך, טעפּ, געשיר, באַשטעק און טעלער, שנעלער!"
און מען טראָגט זיי כלים, ווי געשאַנקען, פון די ביידעמער און קעלערס.

„חמץ צו פֿאַרברענען, חמץ!“ און כזיתן זיך ציען, שטרעקן,
נאָר מיט חידוש קלאַפּט ער, קלאַפּט דאָרט אין די פּוסטע הייף, זיין שטעקן:
וואָס איז עפּעס אַזאַ שטילקייט דאָרט ווי אין אַ תהום איצט? —
מ׳האָט דעם ייד, דעם ייד פֿאַרברענט, ר׳ יצחק לייבוש, מיטן חמץ! —
לאָזט ער זיך אַוועק צו דער גזשיבאָווסקע דורך באַקאַנטע גאַסן,
בלייבט ער זיצן אויף די טרעפּ — אַ בעטלער אין צעפּליקטע פּאַסן.
נישט קיין רעש פֿון ערב פּסח, נישט קיין זכר צו געפֿינען.
ווער־זשע דאַרף נאָך איצטער דאָ זיין גלאָריע־פּעלערינע?
הייזער מער נישט צו דערקענען, ליכטיק־ציכטיק אויפֿגעבויטע,
נאָר קיין קרקע דאַרף מען נישט. נישטאָ ביי יידן מער קיין טויטע?
נישט מען לעבט און נישט מען שטאַרבט — דאָס קען ער נישט באַנעמען,
און פֿיר איילן דאַרף מען דען פֿאַרקויפֿן דאָרט נאָך וועמען?
זיצט ער ביז די נאַכט פֿאַלט צו און רירט זיך נישט פֿון דאַנען,
ביז די צייט פֿון צינדן ליכט און פֿרעגן „מה נשתנה“.
„מה נשתנה“ — אוי, עס איז אַזויפֿיל דאָ צו פֿרעגן!
נאָר ביי וועמען זאָל ער פֿרעגן און פֿאַר וועמענס־וועגן?
צי איז נישט היינט די פֿיבערנאַכט דאָ אויפֿן מאַרק דעם אַלטן? —
ווו־זשע נעמט מען שאַרבנס, ריפּן — ביינער פֿאַר די טויט־געשטאַלטן? —
הויך, פֿאַרוואָלגערט אַ לבֿנה, בלאַס, צעבערעקלט, ווי אַ מצה.
אין אַ סדר־נאַכט אַמאָל צעשאָסן האָט זי דער קאַנאָן פֿון נאַצי.
נעם, ר׳ יצחק לייבוש, ווי אַ טישטעכל, דיין פּעלערינע,
און דעק זי איבער. יעדעס ברעקל זאָל אין איר א זכות געפֿינען.
צו „שפוך חמתך“ עפֿנט זיך אין ערגעץ נישט קיין טיר־און־טויער.
צום קלאַנג פֿון כוסות בייגט ער דאָרטן צו אומזיסט זיין אויער.
איינמאָל זענען רויט געווען פֿון בלוט די פּסח־גלעזער...
לאָזט אים צום בית־עולם גיין צוריק — דאָרט זענען זיינע לעזער.
און ער שלייכט צוריק אַהין דורך געגנשע און דורך אָקאָפּאָווע,
דעם קאָפּ פֿאַרקוטעט אין לבֿוש, ווי אינעם נאַכט־געצווייג אַ סאָווע.

און ער גייט און ס׳קלאַפּט זיין שטעקן, קלאַפּט אין אַלע שטיינער,
קלאַפּט און קלאַפּט, נאָר צו דער נאַכטשפּיל וועקן זיך נישט אויף קיין ביינער.
גייט ער, און איך גיי אים נאָך, ווי דעם געמיראָוועד צו סליחות —
פאַלן זאָל אויף מיר אַ מינדסטער אָפּשיין פון זיין יחוס.
כ׳גיי פאַרביי פאַר פוסטע ראָגן, שטעל זיך אָפּ פאַר פרעמדע טירן
און איך נעם פון אים דעם שטעקן, ער זאָל מיך אין וואָגל פירן.

1965.

# דער פידלער אויפֿן דאַך

ער גרימפּלט מער נישט מיט זיין פידל אויפֿן שפּיץ פֿון דאַך.
זיין שאָטן צווישן ערד און הימל פֿליט אַרום שאַגאַליש.
זיין דאַך האָט אָפּגעברענט, ווי דעכער אַנדערע אַ סך,
אַ נפֿקא־מינא צי פֿון וויטעבסק, ראָדעם אָדער קאַליש.

דעם פידלערס דאַך האָט אָפּגעברענט און ער, דער פידלער, אויך.
אַראָפּגעפֿאַלן איז די פידל און צעטראַסקעט זיך אויף שטיינער.
ער פֿליט אַרום, עס זאָל די וועלט זיך שטיקן מיט זיין רויך
און ווערגן זאָל זי זיך מיט זיינע נישט־דערקוילטע ביינער.

ס׳האָט אָפּגעברענט די פידל, ווי דער פידלער און דער דאַך.
ס׳איז ניצול בלויז געוואָרן און געבליבן גאַנץ איר ניגון.
ווו בלאָנקעט ער אַרום? איך וויל אים אויסזינגען אַ שבח.
צי שפּילט ער נישט ביי שוואַרצע חופּות און ביי פּוסטע וויגן?

און אפֿשר גרימפּלט ער אויף שמחות, כאָטש צעבראָכן־שוואַך
ווען אויף לבנה־שטראַלן־סטרונעס ציט דעם פידלערס בויגן,
און שפּילט מיר אויס די טרייסט וואָס פֿונעם ברענענדיקן דאַך
איז צו דער אייביקייט פֿאַר אונדז דער ניגון אָפּגעפֿלויגן.

## דערמאָנונג נאָכן זען די תהילים־בילדער פון בען

דער לייכטער מיט חלבנע טראָפּנס פאַרגאָסן,
ווי טרערן פון שלוכצן געשטיקטע, געוואָרגן.
ער ליגט אין אַ טונקעלן קעלער פאַרשלאָסן.
ווער ווייסט ווען ס'איז טאָג, ווען פאַרנאַכט, ווען פרימאָרגן ?

עס הויערן איבער אים סטעליעס און טירן,
און אונטער אים — לייוונטן האָריזאָנטאַלע.
פאַרגראָבן, ער טוט־אָן אין כישוף־קאָלירן
דעם תהילים של מטה, דעם תהילים של מעלה.

די ערד אַרום אים איז פאַרקלעמט און פאַרוווּנדעט
פון בוכענוואַלד, ראַווענסבריק, דראַנסי און שטוטהאָף.
נאָר דוד איז דאָ אין זיין וועלט אָפּגעזונדערט,
צו זיין אים אין קעלער אי מוזע, אי שותף.

אַריין דאָ אין צויבערלאַנד פון זיין פּאַליטרע,
וואָס קענסט עס אין ערגעץ נישט זען אויף דער מאַפּע.
נאָר שטילער זיי, האַרפע, און שטילער זיי, ציטרע —
אין דרויסן נאָך קען זיי דערהערן געשטאַפּאָ.

לאָז בעסער שווין שפּילן זיין פענדזל, זיין גריפל —
פאַר זייערע טענער בישטאָ קיין סכנות.
די לייוונטן — כוואַליעס, דער קעלער — אַ שיפל,
וואָס טראָגט זיך אין דמיון אַוועק — דעם אוקינוס.

עס וואַקסן אַרויס פון די לייוונטן צייכנס,
עס וואַקסן אויס ליניעס, פיגורן, געשטאַלטן.
זיי ציען זיך, ווילן צום דרויסן דערגרייכן,
זיי ווילן נישט זיין דאָ אין קעלער באַהאַלטן.

זיי פלאַטערן, שוועבן, מיט פסוקים באַפליגלט,
באַשיינט פון די פענדזלען פון שעפער, ווי שטראַלן.
זיי ווילן נישט זיין דאָ פאַרשפאַרט און פאַרציגלט,
זיי בענקען צו גילדענע ראַמען און זאַלן.

אָט וועלן זיי ווענט און עטאַזשן צעקלאַפן,
אַרויס ווו עס איז דער אַנטפלעק זיי פאַרבאָטן.
סכנה ! — מען וועט זיי אין דרויסן באַלד כאַפן
און אָפּפירן גלייך הינטער שלעסער און דראָטן,

און אָנטאָן זיי דודס זעקס־עקיקע לאַטע.
נאָר דוד זיי פירט, די פאַרשטעקט־אומלעגאַלע,
פון קעלער אַרויס — פונעם תהילים של מטה,
אין זיכערע וועלטן פון תהילים של מעלה.

# שטיינער צוקאָפּנס

דאָס איז געווען אין דריי־און־פערציק, אין דעם גורל־יאָר.
מיר לויפן פונעם דייטש, אַ גרופּע יידן־פּליטים.
ביינאַכט. אין באַרגלאַנד. קיינער זעט אונדז דאָ נישט, נאָר
דעם קאַראַוואַן ציט נאָך דער מולד און באַגלייט אים.

לבנה־חלף איבער אונדז בלויז העגגט און קוקט אַראָפּ.
מיר שטעלן אָפּ זיך ערגעץ אין אַ חורבה ביי גרענאַבל.
אין חורבה: פּעקלעך, גופים. אויפן דיל מיר רוען אָפּ.
דער מולד אין אַ שפּאַלט — אַ דייטשער דאַשיק, ווי אַ שנאַבל.

ס'ליגט יעדער עפּעס אונטער זיך פון זיין געפּעק:
אַ קאָץ, אַ שאַל, אַ מאַנטל, נאָר איך זע ווי איינער
בלויז לייגט זיך אין דער חורבה אויפן הוילן דיל אַוועק
און צום צוקאָפּנס זיינעם לייגט זיך אונטער שטיינער.

קיין שטיינער האָבן נישט געפעלט, געוועזן דאָ לרוב,
האָט ער זיך, שטאָט אַ פּעקל, זיי געצומען אונטערלייגן.
איך קוק און שטוין און פרעג: „וואָס איז דאָס פאַר אַ שלאָף?"
אַן ענטפער קומט פון אים ערשט נאָך אַ לאַנגן שווייגן.

איך הער, אַ שוואַרצער קנויל זיפצט אָפּ: „אַז ווי און ווינד...
וואָס ברענגט איר מיך צו רייד פון וואָס דאָס האַרץ קען פּלאַצן?...
זינט צוגענומען מ'האָט פון מיר מיין ווייב און קינד
איך שלאָף נישט אין קיין בעט, איך ליג נישט אויף מאַטראַצן".

„כ'וויל אָפּקומען פאַר זיי, זיך מאַטערן ווי זיי.
זאָל שווער זיין מיר ווי זיי דאָרט ביי עבודת־פּרך.
כל־זמן איך לעב נאָך אָט דאָס לעבן, אָך און וויי".
און ווידער שווייגעניש. מער גאָרנישט פון אים הער איך.

די ליגנדיקע אויפן דיל אין זייער אומרו־רו,
פּאַרדעקט מיט שאָטנס און צוקאָפּנס — פעקלעך, קליידער,
נאָר צו דעם שטיין־צוקאָפּנס פון דעם ייד איך קוק זיך צו,
און מיטאַמאָל גייט אויף אין מיר מיין חומש־צייט פון חדר.

... און יעקב האָט פון שטיינער זיין צוקאָפּנס זיך געמאַכט
און ס'האָבן זיך געאַמפּערט און געקריגט אַרום די שטיינער,
געשטופּט זיך, ווייל די זכיה האָבן — ווערט געבראַכט —
צו ליגן אונטער יעקבס קאָפּ געוואָלט האָט יעדער איינער. — —

כ'זע ווידער דעם צוקאָפּנס פון דעם ייד אין נע־ונד.
ס'וויל יעדער שטיין אים גנעדיק זיין, אים ווערן ווייכער...
(אָ, יענע שטיינער! וואָלט איך איצטער איינעם כאָטש געהאַט
וואָלט איך אַרויפגעלייגט אים אויף מיין טיש לזכר). — —

דאָס איז געווען אין דריי־און־פערציק, אין דעם גורל־יאָר.
מיר לאָזן הינטער זיך די חורבה ערגעץ ביי גרענאָבל.
מען לאָזט זיך ווידער וואָגלען פאַרן אויפגיין פון קאַיאָר.
דער מולד יאָגט אונדז נאָך — אַ דייטשער דאַשיק, ווי אַ שנאָבל.

1972

# א בוים אין ישראל

# יער הקדושים

מען האָט זיי מיט א ברכה צו דער גוטער ערד פאַרקנסט
און ווי אין סאַמעט דימענטן — זיי פּאָרכטיק איינגעפּאַסט,

און ווי צו א פּרוכת צוגעהעפט זיי, צוגעקריינט,
און זיי געבאָטן: שימערט, לייכט ארויס פון דאָרט און שיינט.

פאַרזעצטע ביימלעך איינס ביי איינס אין הוילער ערד געדיכט,
ווי אינעם שטעטלדיקן זאַמד אַמאָל — כל־נדרי־ליכט.

ס׳זאָל זיין דאָ יעדעס ביימל א נר־תמיד־ליכט אַ העלס
פאַר קאָריוו און פאַר יאָנעווע, פאַר קאָצק און פאַר נאַשעלסק.

פאַר שטעטלעך אויסגעריסענע, פאַרשפּיגן און פאַרהעצט,
צעבראָכענע פון שטורעמווינט — מען האָט זיי דאָ פאַרזעצט.

און ווען עס וועט זיך שפּרייטן זייער שאָטן קיל און גוט
מיט יאָרן שפּעטער — קילן זאָל נאָך אלץ נישט אונדזער בלוט. —

פאַר גראָדזשיסק און פאַר זשעלעכאָוו, פאַר פּיוסק און בילגאָריי —
און זיין זאָל יעדעס בלעטעלע אַ פלעמעלע פאַר זיי.

תל־אביב, 1965

## אויפֿן וועג צו ירושלים

דאָרטן, אויבן, באַרג־אַרויפֿצו, צו דער עיר הקודש,
ווו דער וועג פֿאַרדרייט זיך און פֿאַרוויקלט זיך ווי אַ רצועה
און ביים ראַנד איז דאָרשטיק יעדער קרייטער, יעדער גראָז,
וואָס קען קומען דיר אַנטקעגן און מגלה זיין דיר סודות?
ווילדע שיינקייט, שיינע ווילדקייט, און אָט פֿון שפּוע
וואַלגערן זיך הפֿקרדיק אַרום אויף גאָטס באַראָט
אייזערנע מאַשינען אַלטע, איינזאַמע, פֿאַרלאָזט,
ביי דעם וועגראַנד, ווי מיט קרעץ באַדעקט, מיט שטויב און ראָסט,
און ווי שמעלץ אומנוציקן, דערוווייטערט פֿון דער שטאָט.
נייַן, אַ נייַן! דו קער נישט אָפּ פֿון זיי דיין פּנים, זע!
שטעל זיך אָפּ, פֿאַרבייפֿאָרער, פֿאַר זיי אַ ווײַלע!
ס׳ליגן דאָרט ביי דעם פֿאַרדרייטן וועגראַנד ביי דעם גרויען
אַלטע שטאָל־געשמידטע וואָגנס, אויסגעברענטע, קריגס־מכשירים,
אויסגעברענט און דאָך נישט אויסגעברענטע, ווי דער סנה,
ווען זיי האָבן דאָ דעם וועג פֿאַרשטעלט און אים באַשירעמט,
דעמאָלט, אין דעם אויסגעוויינטן, דעם גאולהדיקן יאָר.
ליגן זיי פֿאַרעקשנט אין דער היימערד איינגעגעסן,
ווי אין זיי דער עבֿר, ווי די שטויבן און דער ראָסט.
מ׳האָט אַזוי אַמאָל געדענקט ביים וועג זיי צו פֿאַרגעסן,
ווי די שענסטע מאָנומענטן זיי לזכר דאָ געלאָזט.
מ׳האָט זיי הינטער גלאָז און סאַמעט נישט פֿאַרמאַכט אין קיין מוזיי —
פֿריי און אָפֿן זיין דאָס גאַנצע הימלאַנד אַ מוזיי מוז זיי.
נישט מיט פֿלייס געשניצט און נישט געטאָקט זיי מיט דער דלאָט —
פּשוט, ווי די יונגע גבֿורה די געשענקטע פֿאַר דער מוטערשטאָט.

אויסגעברענט די אינגעווײדן, ליגן זיי דאָרט הויל און לער,
נאָר דערפֿאַר מיט חידוש, מיט פֿאַרבאָרגעניש און סוד:
ווער אין זייער אײַזנוואָרג אַמאָל האָט אויסגעפּלאָקערט, ווער?
ווער ווי ליכט אין טעפּ יום־כּיפּור אויסגעברענט אין זיי דאָ?
ווער אין זייער גלי געזידט האָט ווער, טרער?
וועמען דאָ געטראָגן האָבן זיי ווי אַן עקדה?
און אין זייער גלי געזידט האָט וועמענס בלוט און טרער?
האַלבנאַכט־ווינטן, ווי נשמה־פֿלאַטערן אין אוהלס,
קלינגען אויס צו זיי אויף זייער זשאַווער הללויהס
און אַן יובל, אַן התלהבות, אינעם חמימהדיקן גלוט,
ערגעץ־ווו פֿאַרלאָזט, אַן פּויקן און אַן שטאָלצן זיג־מאַרשרוט,
שמידט זיי צו די זון די סאַמע חשובסטע מעדאַלן,
ווען אויף אַלע בימות די גאולה־שופֿרות שאַלן
אין — פֿאַרוויקלטן אין תּכלית — יום־העצמאות.

1961

## די זשאַבעס פון רמת־אביב

איין יאָר איז קוים זינט יענע נעכט אַריבער
ווי כ׳האָב געהערט זיי קוואַקען דאָ בציבור.

ווי נאָר באַוויזן האָבן זיך די ערשטע שטערן —
צי ס׳ווילט זיך דיר, צי נישט — דו מוזסט זיי הערן.

נישט ווייט פון ישוב, ערגעץ, נאָך באַראַקן,
אַ מקום האָבן זיי געהאט פאַר זייער קוואַקען. —

א בלאָטע, צי אַ נעץ, א זומפּל — זייער נחת,
ווו מיט דער נאַכט געשלאָסן האָבן זיי יד־אחת,

און קוואַקען — צום געהער א פּלאָג, א פּגע,
נישט ענדערן דעם טאָן, נישט מפסיק זיין אַ רגע.

איצט הער איך זיי נישט מער ווי פאַראַיאָרן.
גיי ווייס פאַרוואָס אַנטשוויגן זענען זיי געוואָרן.

מיין דאגה פאַר דעם קוואַקעניש־געטומל...
כ׳זאָל זאָגן אַז זיי פעלן מיר צום רומל ?...

ווו זייער בלאָטע איז געווען — היינט וואַקסן גראָזן.
זיי האָבן אין בהלה זי געמוזט פאַרלאָזן,

ווען מענטשן האָבן דאָ באַוויזן זיך מיט קראַנען,
מכשירים. ליים. און קאַלך, ווי מילך פון קאַנען.

און צוגעפירט אַ ריז, אַ גברן — אַ בולדאָזער,
וואָס נישט געשטאַנען איז ער אײן־אלײן — א נזיר,

געאַקערט מיט דער נאָז, פאַרקרעקט זיך אזש מיט שטויבן,
ביז ס'האָט אַ װײסער בנין הויך זיך אויפגעהויבן.

און װוּ די זשאַבעס האָבן דאָ אַמאָל געקװאַקעט
עס טומלען איצטער קינדער אין דער זון האַלב־נאַקעט.

צו דירות פירן סטעזשקעס — טעפּיכער פון שטײנער.
און אין די זשאַבעס דאָ דערמאָנט זיך מער נישט קײנער.

## אין בית־לבנים

אין פֿאַרכטיקן בית־לבנים,
אין היכל פֿון צער און געדענקשאַפֿט,
אַ מאַן אין אַן־סופֿיקער בענקשאַפֿט
שטייט ביי א פּירעק — א טאָוול,
לזכר זיין בלוט און געביין,
שטייט שעהען־לאנג איינער אליין —
א פֿאָטער אַן אָבל.

אָ, די וואַנט אינעם בית־לבנים
האָט נאָך טאָוולען אַזעלכע א סך,
נאָר ער,
ער שטייט בלויז ביי איינעם —
ביי זיינעם,
פֿאַרגראָבן דאָס פּנים אין אים.

פֿאַרגעסן אין אַלץ און אין זיך —
ער שטייט ביי דער וואַנט און ער שווייגט,
ער שטייט און ער שווייגט ווי די וואַנט,
יד־אחת איז ער מיט דער וואַנט,
אַ חלק איז ער פֿון דער וואַנט.
כאָטש ער ווייסט, די טאָוולען זענען —
יסוד און פֿעסטונג פֿון לאַנד —
ער שטייט בלויז ביי איינעם —
ביי זיינעם,

און קושט אויס
יעדעס אות
פון דעם נאָמען פון זיין קינד,
ווי אַריינבלאָזן וואָלט ער געוואָלט
אויפסניי אים
זיין אָטעם,
זיין רוח־החיים.

## ערגעץ אין סיני...

ערגעץ אין סיני, אין פּריסעק פון שטויבן צעבריט,
אין מיטן פון פּאַנצערס צעקלאַפּטע, פון וועגענער, רעדער, מאָטאָרן,
שטייט און באַוועגט זיך אין דביקות אַ ייד —
אויף די אַקסלען אַ ביקס און אַ טלית —
שטייט ער און דאַוונט אַליין, איז מתפּלל צו גאָט
אין געהילך, אין גערויש, אין געקנאַל,
איבערגעבן צו אים אין באַהעפט במחשבה.
אומגעקערט האָט זיך דער ייד דאָ אַהער פון פאַר טויזנטער יאָרן
אָנגענומען נאָך אַ מאָל היינט און באַשיצן אויפסניי זיין געבאָט.
אַרויסנעמען דאַרף נישט, חלילה, יהוה
די גרויזאַמע דונערס און בליצן פון זיין אַרסענאַל —
עס דונערט און בליצט פונעם ייד!
זיין יעטוועדע קויל אין זיין גאַרטל איז משהס אַ שטראַל...
ס'איז פייערפלאַם גופא זיין גוף.
ס'איז פייער זיין גאַנג דורך זיין דור,
אַ פונק איז ער נאָך פון טאָלעדאָ,
אַ פונק אָקערשט פון סאָביבאָר.
ער אַליין מיט געצינד האָט דאָ נאָר־וואָס חיילות צעשלאָגן,
ווי אין ים־סוף אַמאָל, זיי געלאָזט אין פאַרזינק און פאַרקלעם,
מנצח געווען אויף די שלאַכטפעלדער, ברוך השם.
שטייט ער דאָ איצטער און דאַוונט צו גאָט
אין דעם צעדרייטן געפלאָנטער־געראָדער פון רעדער,
אין דעם מישמאַש פון כלי־זיין פאַרלאָזטן אויף קיינעמס באַראָט.
זיין שטענדער איז איצטער די אייזן־דעק פון אַ געפאַנצערטן וואָגן
און אָנשטאָט אַ יאַרמלקע טראָגט ער אַ שטאָלענעם קאַסק.

געשטעמפּלט דאָ האָט ער די זאַמדן אָט ערשט מיט זיין טראָט
און אָפּגעדעקט שליאַדן פאַרמעקטע פון לאַנג שוין, פון לאַנג.
און איצט איז די יחוס־קייט זיינע די קייט פון אַ טאַנק.
בעט ער בלויז, בעט אין דער פייער־הפסקה,
אין שטורעם — די רגע פון רו:
זיין תפילה בלחש אין הילכיקן רעדער-געטראַסק
דערהערן זאָל גאָט ברוך הוא.
שטייט ער און דאַוונט אין ווייסע, אין זויבערע זאַמדן,
אין זאַמדן, צערודערט פון שלאַכטן — דער ייִד,
צעטרייסלט פון דביקות און פונעם געהילך פון געראַנגל.
אַליין אַ שטיק פייער אין מדבר,
אַליין אינעם סיני — דער סנה,
ערגעץ־ווו אויף די מרחקים דאָרט טראָגט ער זיך, טראָגט ער זיך.

דאַכט, לוי יצחק בערדיטשעווער שטוינט אויף דאָס ניי:
אָוואַ! זע נאָר, גאָטעניו, זע!
דיין פאָלק ישראל, קוק נאָר אָן!
ווי דער ייִד לויבט דיך שטענדיק, אָוואַ:
אַפילו ווען ער שלאָגט זיך דאַוונט ער,
אַפילו ווען ער דאַוונט שלאָגט ער זיך...

1967

## אַ זעלנער ווײנט...

נישט קײן עופּהלע, אַ קינד אַ פּיצלס װײנט
פון װײטיק, צי פון כעס, צי גאָר קאַפּריזיק;
נישט קײן קלאָגמוטער, נישט קײן װײכהאַרצעדיקע אישה,
נאָר אַ מאַנצביל מיט אַ כוח און אַ קראַפט אין זײנע בײנער
און װאָס מיט גבורה און כלי־זײן זײנע לענדן בלענדן.
אַ זעלנער װײנט. זײן פּנים בערדיק, שטעכיק־שפּיזיק,
און בראָנדזיק־האַרט, נישט פון קײן לעמעשקע אַ װײנער.
צום כותל־המערבי האָט ער אומגעקערט זיך הײנט,
פון אַלע גלותן קומט ער צו אים דאָ קערן זיך און װענדן.
דעם קאָפּ באַהאַלט ער אין אַ הוילעניש, אַ נישע,
װי אין דער מאַמעס לאַנג שוין אויסגעבענקטער שויס.
צו אַ בינטל מאָכװאַרג לײגט ער צו די ליפּן דאַרשטיק —
װי צום זײדנס באָרד, און װײנט אויף אים געשמאַק זיך אויס.
ער אָטעמט־אײן די קילקײט פון די שטײנער־שפּאַלטן
מיט יראה, װי ער װאָלט געפילט ס׳איז יעדער
די מוטערטראַכט פון זײן געבײן און פון זײן אורשטאַם
און װי עס װאָלט גערוט אין זײן פאַרבאַרגעניש די שכינה.
ער װיל דאָרט אַפּזעצן דעם הילכיקן גערויש פון רעדער,
ער װיל דאָס אײנשטילן אין אים דאָרט דעם גיהנומדיקן רעש
און װי אַ צירונג אין אַ שקעטעלע, זײן האַרץ אין אים באַהאַלטן.
פון ירדן קומט ער, צי פון ים־סוף, צי פון סיני.
זײן אָרעם אײנגעװיקלט, אײנגעפּרעסט אין אַ באַנדאַזש,
װי אין אַ װײסער, אין אַ בלענדיקער רצועה.
אָנגעשפּאַרט צום שטײן, האָט ער די ביקס געלאָזן רוען,
שטײט זי װי צו „שמונה־עשרה״, אומבאַװעגלעך, שטיל,
צי אין אַ לאַנג־צעצויגענעם, אומענדלעכן „אחד״.

מיט אירע שפּאַלטן, ווי מיט ליפּן, קושט די וואַנט די ביקס
וואָס זי האָט פון דער איינזאַמקייט זי אויסגעלייזט צוריק.
אַ זעלנער וויינט, וואָס נישט געוויינט האָט ער אַפילו
ווען זיין חבר האָט פאַרלאָשן זיך אויף זיינע הענט
און ווען די ווונד זיינע די אייגענע האָט אים געברענט.
אַ זעלנער וויינט און נישט דער זון־גלי און זיין ווונד קען אים דאָס שטערן.
פאַרגאָסן אין דער שלאַכט האָט ער זיין בלוט
אַז ער זאָל קענען דאָ פאַרגיסן זיינע טרערן.

1967

# דער פֿליִענדיקער ייִד פֿון שאַגאַלן

## 1

אוי, ווו איז ער אַהינגעקומען ערגעץ,
אוי, ווו איז ער געוואָרן דאָרט פֿאַרפֿאַלן —
דער ייִד מיטן טאָרבע־זאַק און שטעקן,
דער ייִד פֿון שאַגאַלן ? —

דער ייִד, וואָס ער טראָגט זיך אַרום ווי אַן אומרו, אַ נישט־גוטס,
מיט אַ בייזער באָרד און מיט פֿינצטערע פֿאַלעס
און מיט אַ קאַשקעט ווי אַ צאָרנדיקער שנאָבל
איבער די וויטעבסקער טורעמס און צערקווע־קופּאָלן,
ווי ציבעלע־קעפּ און הייפּטלעך קנאָבל,
און הילצערנע פּלויטן פֿאַרזונקען אין שניי,
מיט שפּיצן — אויסגעשטשערבעטע פֿוילע ציין.

און גלייבסטו, אַז ער האָט געקענט אין חלל צעגיין,
אָט אַזוי, אָן אַ שפּור, ווי אַ קויטיקע כמאַרע, און דו קענסט
נישט טרעפֿן אים מער איבער וויטעבסקער דעכער פֿון הייזער און שטאַלן —
דעם ייִד פֿון שאַגאַלן,
וואָס טראָגט זיך אַרום ווי אַ דראָענדיק פֿינצטער געשפּענסט,
פֿאַרבונדן דעם האַלדז ווי מיט פּעטליעס — צעכוימלטע שאַלן,
די לענדן מיט שטריק און מיט גאַרטלעך, ווי פּענטעס, פֿאַרצויגן,
אין זיין ווינטערדיק־זומערדיק־פֿרילינגדיק־האַרבסטיקן מלבוש פֿאַרבאַבלט.
דער ייִד פֿון שאַגאַלן,
וואָס ער איז נישט, קען זיין גאָר, אַרויסגעפֿלויגן
פֿון זיין פּאַליטרע — דעם בלענדנדיקן רעגנבויגן,
נאָר פֿריער נאָך, פֿריער — פֿון גראָען און תוהו־ובוהו'דיקן מבול...

ווו איז ער פֿאַרשוווּנדן, דער ייִד פֿון שאַגאַלן?
אין וועלכע ווייסרוסישע שנייען איז שטעקן געבליבן זיין שטעקן?
ווו האָט ער פֿאַרלוירן זיין טאָרבע־זאַק ערגעץ אַ פּולן
מיט סקאָרינקעס ברויט און חלומות
פֿון פֿויגלמילך און מאַרצעפּאַנעס,
פֿון גילדענע יויך און שעפּטאַלן.
איך וואָלט שווערן געקענט, אַז דער שוועבנדיקער ייִד
איז ווי אַ טויטער פֿויגל אַראָפּגעפֿאַלן,
איבער וויטעבסק האָט אַראָפּגעשאָסן אים אַ „מעסערשמידט"
און אַריין איז ער אין גרוב פֿון באַבי־יאַר
מיט זיין טאָרבע־זאַק, אַן אָנגעשטאָפּטער פֿול
מיט חזיונות און מיט ביטערניש און צער.
אינעם קעסלגרוב פֿון ביינער און פֿון בלוט אַריינגעפֿאַלן — — —

איצטער שוועבט ער אינעם חלל אויף דאָס ניי —
נאָר בלויז אַ שאָטן, בלויז אַ פֿלעק פֿון יענעם וואָגלענדיקן אורח,
פֿון יענעם אייביק־בלאָנקענדיקן סאַמנאַמבול,
דעם נאַכט־און טאָג־וואַנדלער, וואָס טראָגט זיך איבער אַלע ווענט און דעכער,
צווישן ערד און הימל — אין קשי־עורפּדיקן וואַנדער.
איצטער גייט אַרום זיין זכר ווי אַ מעשה נורא,
די נשמה און דעם תוכן פֿון זיין טאָרבע אויסגעהויכט
און זיין גוף אַליין צעפּייערט און צערויכט.
שלעפּט ער איבער גרענעצן זיין שם — זיין קאָנטראַבאַנדע.
אַ מקום־מקלט זוכט ער זיך אַצינד,
און אַלע וואַכן לייכט ער שלייכט זיך דורך,
ער לאָזט זיך פֿירן פֿונעם דרום־ווינט
ביז ער קומט אָן אין שטעטעלע סען־פּאָל דע וואַנס.
כאָטש נישט אָנגעזאָגט באַצייטנס־פֿריער זיין באַזוך,
ער שטעלט זיך פֿאָר: שליח פֿון די טויטן־גריבער.

איך שוועב, און ס׳שוועבט מיר נאָך אַ פיל־מיליאָניקער בית־עולם.
שעפער מיינער, שאַף מיך איבער,
מאַך מיך ווידער שלימותדיק און גאַנץ.
נעם צונויף מיין שטויב, צעשאָטן איבער ארבע פינות עולם,
און מיט חיות אים באַהעפט, מיט אָטעם אים פאַרשמעלץ.
איך בין נאָך אַלץ דער אומרו איבער וויטעבסק —
און דער וועלטס.

2

כ׳האָב נאָכדעם אים געזען אין איינעם אַ באַגינען.
דו וועסט אים איבער וויטעבסקער קופּאָלן נישט געפינען,
נאָר ער, דער פליענדיקער ייד, איז נישט פאַרפאַלן.
אַ שטאָמגאַסט איז ער איצטער ביי דער וועלט.
זיין פלעק איז איבער איר פאַרשפּרייט — אַ ליקוי־חמה.
ער טראָגט זיך איבער סקאַלעס, איבער אָפּגרונטן און ימען,
ער טראָגט זיך איבער אינדזלען, איבער טייכן און קאַנאַלן,
וואָס צעפּאַסעווען די ערד ווי מיט חלפים.
פאַר די אויגן ליגן אים, ווי אויף דער האַנט, מדינות.
אַ הויז קען ער אַריינגעמען צו זיך אין בוזעמטאַש.
ווי שיין עס איז דיין וועלטעלע, אַך גאָטעניו טי נאַש!
פאַרדעקט מיט וואָלקן־פערענעס, נאָר ווי קען ער דאָרט שלאָפן?
קיין אויג די נאַכט נישט צוגעטאָן, געהאַט אַ ליל־שמורים.
און איצטער, נישט ער שוועבט — ער טראָגט זיך ווי אַ שטורעם.
כאָטש די ערד איז גרויס, ער ווייסט וווּ־איין, וווּ־אויס.
מיטן שטעקן פירט ער איבער איר דאָרט ווי אַ יענעראַל
אויף דער קאַרטע, וווּ ער דאַרף זיך גיין באַלד שלאָגן.
קלאָפּטער לייגט ער אין דער לופט, מאַכט היפּשע היפּערן
אין זיין איבערערדיש־איבערמענטשיש וואַנדערן.
אָט האָט ער זיך צום האַפן פון מאַרסעיל דערשלאָגן,
און אָט איז ער אין קרעטאַ, אָט אין ציפּערן.

און אַט איז ער שוין אין דעם פּאָרט פון אַלעקסאַנדריע,
ביים ים־סוף שוין, ביים ברעג פון איסמאַיליאַ.
אין וויטעבסק האָט ער גישט געהערט פון די מקומות,
נאָר גאָרנישט, מילא, זאָל שוין זיין איסמאַיליאַ...
און די נעמען וואָס ער ווייסט נישט, היפּערט ער אַריבער,
אַבי אין תורת משה איז ער בקי, נאָך אַ שאלה,
און ער קען זיין אַ פליענדיקער שליח־ציבור
פון אַלטע דורותדיקע פּיינען, אָנגעזאַפּטן צער
פון וואָרמס און מאַינץ, פון ווילנע, לאָדזש, אַנטווערפּן...
און פּלוצים זע איך אים: אַ שווינדלענדיקן העליקאָפּטער.
(ער מיידט אויס דאָס נייגעריקע אויג פונעם ראַדאַר...).
דער סיני איז פון טויט־מאַשינען פול און אָנגעשטאָפּטער
מיט האַלב־לבנות אויסגעמאָלטע — קרומע שאַרפע סערפּן,
(און ווי צו אים דאָרט, זייער שאַרפשטיין איז געווען זיין וויטעבסק).
זיי ווילן דיך מיט זיי ווי ווילדגראָז אויסיעטען, פאַרשניידן
מיט גאָר דיין ווידערלעב, חידושים, פריידן־ליידן...
כישוף מאַכט ער אויבן מיט זיין שטעקן —
און וווּנדער איבער וווּנדער: פון זיין טאָרבע־זאַק ווערט איצטער
אַ פאַלשירעם, אַ זויבער־ווייסער, ווי אַ טלית.
ווי צו אַ תפילה, איינגעהילט אין אים דעם קאָפּ,
פון אַלע נע־ונדן אויבן לאָזט ער זיך אַראָפּ
אין אַלטע ענגע ליקלעך פון ירושלים.
שטיינער. הייס־געליבטער מאָך. ס'איז הייליק דאָ דער שימל.
ער קומט אויפסניי מיט זיי אַ בונד פאַרשניידן.
מעג ער זיי באַרירן, מעג ער אויף זיי טרעטן,
ער, דער ייד פון חלום, פונעם חלל און פון הימל?...
ווי אַ ניי־געבוירנס פון דער מוטערס אינגעווייד —
ער פּלאָנטערט זיך ארויס פון זיין צעשנורטן פּאַראַשוט,
וואָס וויקלט זיך פאַנאַנדער ווי אַ ווייסע ליליע.
אָט איז אויף אים אַ שפּריץ געפאַלן פון זיין בלוט —

ב ד מ י ך ח י י !

די רויט־געפלעקטע ליליע פלאַטערט, ציטערט צאַרט,
און פאַלט אים צו די פיס, און אים אַן אורגעשריי צעשפּאַרט:

ביסט הי! ביסט הי! ביסט הי!

און ער דערשפּירט: די ערד איז אים געשמאַק און גוט,
כדאי אַראָפּצונידערן און זיין איר מלאך־הגואל.
ער וויל זיך מער נישט שלעפּן איבער דעכער פון דער וועלט,
זיך פּלאָנטערן ביי פרעמדע טורעמס, צלמים און קופּאָלן
און אַלע כמאַרעס טראָגן אויף זיין קאָפּ ווי שווערע עולן.
ער מאַכט זיך פון זיין טאָרבע־זאַק און שטעקן אַ געזעגנט —
אים ווילט זיך שוין נישט פליען מער, נאָר זיין אַ יושב־אוהל.

1967

## אין עין־גדי

מיט שווייס אויף זיין געזיכט, מיט שטאָלצקייט פאַר זיין מיען,
אַ מענטש באַווייזט מיר זיין אידעע־פיקס:
אַ וווּנדער — פון אַ שטיין זאָל קענען בליען
און אויפגיין זאָל פון אים אַ גרין געוויקס.

נישט, אייגנטלעך, פון שטיין, נאָר ווו ער איז געלעגן.
אַרויסגענומען האָט ער אים מיט זיינע הענט,
און דאָ, ווו ס'איז געווען דעם שטיינס געלעגער —
פאַרשטעקט אַ קערן ווי אַ קניפּל אין אַ העמד.

ער האָט אים ווי אַן אוצר מיטן זאַמד פאַרשאָטן,
ער זאָל זיין סוד און אוצר פאַראַמאָל,
ביז ווען ער וועט זיך אויספּיקן געראָטן,
ווי ס'פּיקט זיך אויס אַ הינדעלע פון אייערשאָל.

נישט לאַנג האָט עס געדייעט און געדויערט.
אָט־אָט, און ס'איז די ערד שוין אויף דער צייט,
און ווו עס האָט די וויסטקייט יאָרן־לאַנג געהויערט —
אַ פעלד איז ווי אַ יום־טוב־טיש געגרייט.

כ'האָב אין עין־גדי אים געזען, אַ נס אַזויִנעם:
אַ מענטש זאָגט מיר, ס'איז זיין אידעע־פיקס,
אַז ווו געזעסן זענען שטיינער פון קדמונים,
דער פרילינג זאָל באַזעצן זיך אין דעם געוויקס.

1968

# אַ בוים אין ישראל

ערגעץ ביי אַ ראַנד פון ירדן, צי לבנון
(דאָס אָרט איז אפשר גלייכער נישט דערמאָנען),
אויף אַ פעלד פון שטיינער, זאַמד און דערנער,
פאַרבליבן דאָרט פאַרפּלאָנטערט, ווי די הערנער
פון לאַנג פאַרצוקטע חיות פון קדמונים,
וואָס דער צאָן האָט זיי געמוזט, באין־ברירה, שוינען —
אַ בוים האָט אויפגעשאָסן שיין, געראָטן,
מיט אַלדאָס גוטס: מיט בליט־און־בלאָט און שאָטן —
די זון זאָל ווינציקער אין איר ממשלה ברענען.
פאַר אַלץ לאָמיר זיין יחוס־שטאַם באַקענען:
עמעץ האָט פון דר'ערד אַרויסגענומען איינמאָל
אַ שטיין און אויף זיין אָרט פאַרזעצט אַ ביימל.
אַ ריטל קוים וואָס איז מבטיח שפּעטער:
טיפע וואָרצלען, קאָרע, צווייגן, בלעטער,
און שבת־אויבסט, אויב גאָט וועט אים באַשערן,
און טראָפּנס טל, ווי לויטערע באַהאַרצטע טרערן.
צוזאַמען מיטן ישוב ווערט ער גרעסער, העכער,
ער וואַקסט מיט קינד און רינד, אַריבער אַלע דעכער.
צוזאַמען מיט דער עופות־שטייג, דער שטאַל און טראַקטאָר,
וואָס פעלדזיק־האַרטע ערד אויף ברויט צעהאַקט ער.
נאָר מיטאַמאָל אַ דונער האָט אים איינגעבויגן —
אַ באַזוקאַ־קויל צום בוים איז אָנגעפלויגן,
און זיינע גרינע קודלעס אָנגעצונדן,
איז ער פאַרשעמט געלעגן אין די פלאַמען־וווּנדן.
זיין יעדעס בלעטעלע אַ צונג, וואָס האָט געשריגן,
ווייל וואָסער שאַנד איז גרעסער פאַר אַ בוים — ווי ליגן ?...

אַ צווייטע קויל האָט זײַנע וואָרצלען אויסגעריסן.
די גרוב נאָך אים נאָך טיפֿער אויסגעביסן.
נאָר אין איר וויסטער הוילעניש, דער שוואַרצער נידער,
מען האָט פֿאַרזעצט אַ נײַע פֿלאַנץ און ווידער
שוין וואַקסט אַ צווייטער בוים, אין פֿייער בליט ער.
זײַן יעדער בלאַט איז וואַך — דאָס אויער פֿון אַ טורעם־היטער.

1968

## קאַטיושאַ

אַך, ווי כ׳האָב אַמאָל געגרויסט זיך מיט קאַטיושען
און מערער נאָך: מיין ליבע איר געשענקט.
די הענט געשלאָסן, פלעג איך האַלדזן זי און קושן
און יעדע נאַכט אויפסניי נאָך איר געבענקט.

ווי קען איך אירע מעלות נישט דערמאָנען ? —
זי טראָגט זיך ווי אַ בליץ, אַ מויד אַ ברען !
און אירע פייער־לאָקן — ווי גאולה־פאָנען —
ווען וועלן זיי מיין האַלדז פאַרוויקלען, ווען ?

כ׳ליג ווי אַ שילדקרעט אין דער ערד פאַרזויגן,
אויף מיר פאַרוואַלגערט אַ צעפליקטער ברוק.
נאָר איבער אים זי שפרייט זיך ווי אַ רעגנבויגן,
זי גרייכט מיך שוין פון דניעפער און פון בוג.

עס גליט דאָס האַרץ — איך גיב עס איר צושטייער,
באַלד ברענט זי איבער שוין מיין דראָטן־צוים,
און פאַר איר פייער וועל איך גיין אין פייער,
אויב וועל איך נישט פאַרלעשן זיך אין תהום.

כ׳וועל טרינקען ביז צו שיכרות און באַרוישן
פון הימל אירע פלאַמען ווי אַ בעכער וויין,
און ווי די שטראַלן אויפן קאָפּ פון משהן —
זיי וועלן ווערן מיין גאולה־שיין.

ווי האָב איך דאָס געיחוסט זיך מיט איר, קאַטיושאַ,
און מערער נאָך: מיין לעבן איר פּאַרטרויט.
איצט מער ווי ס׳פייער דיינס מיך ברענט די בושה,
אַז דער שליח ביסטו היינט פון טויט.

דו הרגעסט אויף דיין וועג אי מענטש, אי שאָף און רינדער —
קיין איבערקלייבערין ביסט דו נישט, ווי מיר דאַכט.
דו צילסט אין שפּילצייג און אין שפּיל פון קינדער
און אויף די קינדער אויך — דו לויערסט אין דער נאַכט.

דו טרעפסט אין ראָד, אין בוים, די פּי אין שטאַלן,
אין פייגל־שירה און אין אָקסן־שפּאַן.
אין אָוונט אַנשטאָט טוי, די שפּליטערס דיינע פאַלן
אין פעלדער פון גליל און בית־שאָן.

ס׳באַהאַלטן קינדער זיך אין קעלערן און גריבער
ביינאַכט, ווען זייער טרוים פאַרבייטסטו אויף געוויין. —
אַך, האָסטו, קאַטיושאַ, אויסגענאַרט מיין ליבע
און איצטער לאַכסטו מיט מכשפה־צייַן.

1969

## פ אַ ר פ י ר ע נ י ש

1

ס'האָט ערגעץ ווו ביינאַכט אַ קינד געוויינט.
און איך, דער נאַר, האָב גאָר געמיינט,
אַז דאָס האָט אַ שאַקאַל געלאָזט זיך הערן.
און איך בין גרייט געווען אים שליידערן אַ שטיין
דורך טיר און פענצטער, איבער אַלע שוועלן,
און איבער אַלע פלויטן פלעטן אים
דאָס נאָכגעמאַכטע שפּאָטישע געוויין
און אין די שליפּיעס אים ווי טשוועקעס וואַרפן
אַ זשמעניע שאַרפע שטערן.

אין מיטן נאַכט די שטוב האָט זיך דערשראָקן.
דאָס קינד האָט זיך דאָס העלדזועלע געריסן.
אויף וואָס? ווער קען דאָס וויסן
אין מיטן נאַכט פון וייטנס?
אויף מאָזלען? סקאַרלאַטין צי פּאָקן?
און אפשר „אין דער מאַמעס מילך א ביינדל",
צי גאָר א ציינדל,
וואָס שטופּט זיך שוין צום פּרעס באַצייטנס,
צי אפשר ווייל מען האָט עס גאָר
פון מאַמעס ברוסט אָנטוויינט.
און איך, פאַרפירט, האָב גאָר געהערט אין דעם געוויין
דאָס יאָמערן פון אַ שאַקאַל
וואָס איך וואָלט אים פאַר שטערן מיר דעם שלאָף
אין מיטן נאַכט פאַרשטיינט.

ס'האָט ערגעץ ווו ביינאַכט אַ קינד געוויינט.

## 2

ס׳האָט אַ שאַקאַל געיאָמערט ערגעץ אין דער נאַכט.
איך האָב זיך אויפגעוועקט און ס׳האָט זיך מיר געדאַכט
אַז ביי אַ שכן ערגעץ וויינט אַ קינד,
אין וויגל צי אין מאַמעס שויס,
אין שלאַפקייט, מאַטערניש און לייד.
איך שפּרינג אַראָפּ פון בעט און לויף ארויס.
כ׳צינד אָן דאָס ליכט און פאַר אריין אין שטעקשיך.
בהלה. אַנגסט. צערודערונג. איך שרעק זיך
און כאַפּ אויף זיך דעם שלאָפראָק און בין גרייט
צו קלינגען אין דעם נאָענטסטן קופּת־חולים.

און דאָ ווערט אַלץ מיר אַזוי פינצטער־קלאָר:
ס׳האָט אַ שאַקאַל מיך אָפּגענאַרט אין מיטן נאַכט,
ס׳געוויין פון קינד גאָר לציש נאָכגעמאַכט
און פאַלש מיט עכטקייט נאָכגעשפּילט זיין קול אים
ווי אַ געניטער פּיפּיקער אַקטיאָר,
אַריינגעריסן זיך צו מיר אין שלאָף
ביז צו דעם קדשי־קדשים פון ליד און חלום —
אין דעם צוקאָפּנס פון מיין בעט, מיין קישן,
און אויסגענאַרט מיין אַנגסט און עגמת נפש
און גאָר מיין רחמים פון די טיפסטע טיפעני׳שן
און מיך אַזוי מיט חוזק אויסגעלאַכט.

ס׳האָט אַ שאַקאַל געיאָמערט ערגעץ אין דער נאַכט.

## מה נאה אילן זה

מה נאה אילן זה.
ווי שיין עס איז דער בוים!
נאָר אין דעם אַלטן חדר, וואָס איז איצט
פאַרשאָטן שוין פון שאָטנס און פון צייטן,
האָב איך געזען פון אים אינגאַנצן קוים
אַ סימן בלויז — דעם רבינס טייטל,
פון זיינס אַ דאַרן ריטל אויסגעשניצט,
וואָס ער האָט מיך געפירט ביים רבינס טיש,
און ביי דער שיין פון נאַפטלאָמפּ און פון טרוים,
אויף די ווייטע שטילע חומש־וועגן.
נאָר אים אַליין, דעם שיינעם גרינעם בוים,
ערגעץ הינטער שטעטל, הינטער וועלט,
עס האָבן קללות, בייזע הינט און שטיינער
פאַר מיר פאַרשטעלט.

מה נאה אילן זה.
ערשט זע איך אים, דעם בוים,
אַ נישט־פאַרשטעלטן, פריי — ערשט איצט!
כ׳קען קלעטערן אויף אים,
אַפילו צו זיין קרוין דערגרייכן.
און ס׳איז דעם טייטלס דין־פאַרשניצטער שפּיץ
מיין התפעלותדיקער אויסרוף־צייכן!
דאָס האָט ער איצט מיין טריבן בליק דערפרייט,
זיך אויסגעטשוכעט פון דער ווייטער ווייט,
און אָפּגעיאָגט פון זיך די בייזע פרעמדע הינט,
וואָס פלעגן מיך נישט צולאָזן צו אים.

שטייט ער לעבן מיר בשכנות היינט,
מער ווי דעמאָלט נאָך צעבלעטערט און צעגרינט,
ווען דער טייטל האָט געלויבט אים און באַשיינט.

מה נאה אילן זה.
דעם בוים דעם יידישן איך זע — ערשט איצט,
מיט פייגל יידישע און יידישן געטשוויטש,
אָט דאָ, אַ טריט פון מיר, פון מיר אַ שפּאַן,
פאַר מיין בלויער פענצטער־שויב אין רמת־גן.

# ירושלים אין שניי

אַ שניי — אַ ווייסער טלית האָט פאַרדעקט ירושלים.
שעפּטשעט אונטער אים די שטאָט פאַרדביקהט־שטיל: אחד.
אַ לויב דעם בורא פאַר דעם ווייסן גנאָד.
איך טו זיך טון משתתף זיין צום שבח
מיט ווערטער פראָסט־אַלטמאָדיש
און מיט יעדער מויער, יעדן דאַך
און טורעמלעך פון אונטער ווייסקייט, ווי של־ראשן,
שפּרינג איך אונטער: קדוש, קדוש, קדוש...
דעם גלאַנץ פון גאָלד און גדלות פון קופּאָלן
אויפן הר־הבית האָט דער שניי פאַרלאָשן —
זיי זענען היינט באַגלייך מיט אַלע פּראָסטע שטיינער.
ביים כותל־המערבי יינגלעך, זעלנער פון צה״ל,
שפּילן זיך אין וואַרפן קוילן שניי,
ווי די חדר־יינגלעך ווינטער־צייט אַמאָל אין קאַריוו.
יעדע ביקס אויף יעדן יינגלש־צאַרטן אַקסל
באַקומט אַ שניי־קויל, ווי אַ ווייסע ליליע.
נישט קיין קריגער — קינדער שפּילן זיך, פאַרשפּילן.
די זעלנער קנעטן אין די הענט די קוילן שניי,
ווי די מאַמעס קנעטן ערב שבת קוילן פיש,
צי פּסחדיקע קניידלעך, צי דעם קלאָפּס.
די שניי־שלאַכט הערט נישט אויף, די קוילן טרעפן
ווו ס׳לאָזט זיך נאָר: אין אויגן, נאָז און קאָפּ,
צעפּלאַטשן זיך, צעשפּריצן, ווערן אויף דאָס ניי מגולגל
אין קליינע שנייעלעך, אין פליטערלעך, ווי פריער —
דער שניי־גראַנאַט אויף פּיצלעך ווערט צעריסן.

שטיי איך און אַ תפילה אין מיין האַרץ גייט אויף צו זיי:
יינגלעך, פון קיין אַנדערן גראַנאַט זאָלט איר נישט וויסן,
בלויז אַזעלכע קוילן זאָל באַשערט זיין אייך צו טרעפן,
בלויז אַזעלכע קוילן זאָל באַשערט זיין אייך צו שיסן.

ירושלים, פעברואַר, 1968

## פֿאַרשנייטע ייִדן ביים כותל־המערבי

זיי שטייען ווי ווערבעס פון ווינט געבויגן,
איינגעהערט אין זיך און איינגעהאָרכט,
און שאָקלען זיך, באַוועגן, פלאַטערן און צאַפּלען —
אַלצאיינס צי פונעם ווינט, פון דביקות, צי פון פֿאָרכט,
אין אַ זילבער־נעץ פון פאַלנדיקן שניי,
פֿאַרפלאָנטערטע אין איר אַריינגעצויגן.
ווי אָוונט־צייט הינטער אַ פֿאַרהאַנג פון זילבער־געוועב,
זיי שוועבן ווי טונקעלע שאָטנס געהיימע אַהין און אַהער.
דער שניי אָן אויפהער פאַלט און פאַלט
אויף אַקסלען, בערד, אויף קעפּ,
אויף שטריימלען, קאַפּעלאַטשן, קאַפּלען,
פון שחרית ביז מנחה אַזוי און ער דאַוונט אַ תפילה בלחש.
און צווישן די שטריימלען, די שיך און מלבושים
דער שניישיט שעפּטשעט שטיל און שאָרכט,
און יעדעס שנייעלע זוכט אַ תיקון
אין כותלס אַ שפּאַלט
און קושט אים, און קושנדיק אים —
צעגייט עס, צעגייט אין קדושה.
זיי טראָגן טליתים אויף זיך — פון שניי,
די טליתים טראָגן עטרות — פון שניי,
און ס׳פלאַטערן פון די טליתים די ציצית — פון שניי.
ביי טייל זענען שירעמס פֿאַרשנייעטע איבערן קאָפּ,
ווי ריזיקע שוואַרצע באַזילבערטע קאַפּלען.
דאַכט זיך, ווי ווייסע מלאכים מיט ווייסע פליגל
וואָלטן אַרויף און אַראָפּ
געשוועבט, ווי אַמאָל אויף יעקבס לייטער —
אַ זילבערנע לייטער מיט זילבערנע שטאַפּלען.

דער שניי טרעט נישט אָפּ און ער שטילט זיך נישט איין,
און זיי, די פאַרשנייטע יידן — אויך נישט.
די ווינטן מאַכן יללות ווי קליפּות און שדים
און קלאָגן ווי שאַקאַלן און וואָיען,
צי גאָר ווי וועלף וואָס פּראַוועץ שוין זינט לאַנג תעניתים.
עס קלעפּט אויף די מתפּללים דער שניי
און קלעפּט צונויף די עדה
און קלעפּט זיי צו בציבור צו דער וואַנט.
צי וויל זיי נישט גאָט אַמאָל ברענגען צו נסיון,
זיי אויספּרוּוון היינט, צי דער שניי וועט זיי קענען פאַריאָגן
און זיי וועלן דאָ לאָזן דעם כותל אַליין
אין עלנטקייט, בזיון,
און אָן גאָטס וואָרט, אָן תורה און תפילה?
און זיי שטייען ביי דער וואַנט מיט נאָך מער עקשנות,
און מער נאָך פונעם ווינט צעטרייסלען זייער גוף
דער ברען, די דביקות, די כוונה.
גאָרנישט וועט זיי אָפּשרעקן צו לויבן גאָט,
נישט זיין ווינט און נישט זיין שניי אפילו.
און מורא האָבן זיי דעם שניי אַראָפּצושאַרן
פון זייערע מלבושים, שטריימלען און בערד,
ווי זיי וואָלטן דעם בוראס אָטעם־הויך
פון אים אַרויסגעהערט.

ירושלים, פעברואַר, 1969

## וועלדער — לענדער

יער קאָסטאַ־ריקאַ,
יער בראַזיל.
ס׳קומען לענדער אין דיר זייער נאָמען פאַרפלאַנצן,
ס׳קומען לענדער דיך מיט זייער גנאָד באַגליקן,
קומען מיט דיין ערד באַהעפטן זיך אינגאַנצן.
און פאַרכטיק, אָפּגעהיט און שטיל
שטעקט מען אַריין אין דיינע זאַמדן
אַ פלאַנץ, אַ ריטל, צאַרט און אָפּגעציטערט.
אַזוי זאָל דיר, היימלאַנד, זיין באַשערט —
אַ האַנט זאָל אַריינשטעקן מיט חסד אַ פלאַנץ
אַנשטאָט אַ שווערד — אין לייב פון דיין ערד.
אַ פלאַנץ, אַ ריטל, ווי אַ פאָדעם דין,
מיט צאַרטער ערשטקייט, מיט ערשטער צאַרטקייט,
וועט אויפגיין מיט אַ ברכה פון דיין ערד געראָטן,
מיט גבורה פאַרוואָרצלט,
פאַרוואָרצלט מיט שטאַרקייט.

יער קאָסטאַ־ריקאַ,
יער בראַזיל.
דעם שם פון לענדער וועלןביימער צעשיקן,
יעדעס בלעטעלע — אים אויסשעפּטשען תפילהדיק־שטיל,
און שפּרייטן אין זאַמד, מיטן חסד אינאיינעם,
אַזוי קיל און מחיהדיק־פריש זייער שאָטן.
דער מידער גייער וועט זיך געבן אין אים
אַ פאַרשטעל, אַ פאַרהיל,
פאַר דער זון זיך באַהאַלטן און זאָגן צו אים:

אַ יישר־כוח און תודה רבה,
יער קאָסטאַ־ריקאַ,
יער בראַזיל.

ס׳וועלןביימער שטיין ווי פרידלעכע שכנים
און איינער צום צווייטן
וועט צובייגן זיך מיט פאַרטרוילעכע סודות,
און צובייגן זייערע ביימער־שפּיצן,
זייערע קרוינען.
און ז י י וועלן מיר שוין ליבער זיין
פון יענע שכנותדיקע קעניגלעכע קרוינען,
וואָס ווילן מיט זייער משא צעדריקן
יעדעס צווייגעלע און יעדעס בלעטל,
און אפילו דעם שאָטן פון זיי נישט שוינען —
פון יער בראַזיל,
פון יער קאָסטאַ־ריקאַ.

# דער היטער פון די וועלדער אין די הרי יהודה

דערווייטערט פון אַ כביש, אַ הויז, צי אַ באַראַק,
אין די יהודה־בערג אַ וואַכטורעם פאַרהויבן,
ווי אויף מיין זיידנס דאַך אַמאָל אַ טויבנשלאַק,
נאָר ס׳פליען נישט אין אים אַריין־אַרויס קיין טויבן.

אין טורעם אָפּגעשלאָסן וווינט אַליין אַ מאַן,
באַוועגט זיך טאָג און נאַכט אַ שומר אַ געטרייער.
ער קוקט אַרויס פון זיינע קאַרגע דריי־פיר שפּאַן —
אַז שליטה זאָל נישט האָבן אויפן וואַלד קיין פייער.

אויף צו פאַרהיטן אים פון שריפות איז ער וואַך,
פאַרבאָרגן אין זיין טורעם ווי אַ נסתר,
און לעבן אים אַ וואַרעמפלאַש און אַ תנ״ך,
אַ טישעלע, אַ תהילימל און אַ טראַנזיסטאָר.

ביינאַכט קומט אַ שאַקאַל צו אים אין געסט,
נאָר בלייבט פון הינטן אויף אַ ווייטע מעטע.
דער טורעם שרעקט אים ווי אַן אָדלער־נעסט.
ס׳קוקט בלויז אַן אָדלער־בליק דורך אַ לאָרנעטע.

די סביבה נעמט אַרום דעם שומרס שאַרפער בליק.
אַ הערשער איז ער איבער גראָזן, בלעטער, צווייגן.
זיין טורעם וואַכט נישט איבער שקלאַפן אונטער ביקס,
וואָס אין עבודת־פּרך קאָרטשען זיך און בייגן.

דער בליק פונעם שאָקאַל, אים דאַכט, קען זיין צומאָל
אַ פייער־פונק אין וואַלד, אַן אונטערצינדער.
און יעדן חצות ער הערט דאָס יאָמערלעכע קול
און זעלטן, זעלטן ס׳קול פון זיינע קינדער.

נאָר קינדער אַנדערע דער וואַלד האָט אים געהאַט —
די ביימער — זיינע קינדער, לייבלעך אים געהערן.
אוי, אים זאָל זיין פאַר זייער מינדסטן בלאַט,
קיין פונק זאָל אים זיין גרינעם נחת נישט פאַרשטערן.

ווי ליב ער האָט זיי און ער היט זיי אָפּ און שעצט,
טרינקט־אָן זיי, ווי דורך אָדערן, מיט גומי־רערן,
ווייל ער געדענקט נאָך ווי מען האָט זיי דאָ פאַרזעצט.
דערנאָך דער נס פון וואַקסן און פון גרעסער ווערן!

אַ גרינעם טעפּיך שפּרייטן זיי פאַר אים — דעם סכך.
אַרום זיין טורעם קרייזן פייגל אין פרימאָרגן
מיט שירה פאַר דעם שומר, לויבגעזאַנג און שבח
פאַר דעם וואָס היט דעם וואַלד אין איינזאַמקייט פאַרבאָרגן.

## דער שוסטער פון קיבוץ אַלונים

אַ פאַרשטויבטער, פאַרזאַמדיקטער וואַנדלער,
בין איך אײן מאָל דערגאַנגען צו אים —
זיין צוגאַסט ביי דעם יוחנן הסנדלר
פון דעם קיבוץ פון דעמב — אַלונים.

אַ באַוואָרפענער אין זיין באַראַקל
און פאַרשאָטן מיט שיך אַלערליי.
אָט־אָט גיט עס דער ווינט אַ צעוואַקל
און צעוואָרפט אים זיין גאַנץ שוסטעריי.

נאָר די כאַדאַקעס האַלטן דאָס צריפל
און אַ מלך איז ער דאָ ביי זיך.
דאָס באַראַקל איז טיילמאָל אַ שיפל
און די כוואַליעס אים פאַטשן — די שיך.

ווער עס בייט זיך אין חדר האוכל,
ווער עס האָט די משמרת אין קיך,
די יחסנות בלויז אים איז מען מוחל —
זיין התבודדות פראַוועון ביי שיך.

ווייל דעם קיבוץ דעם גאַנצן פאַרריכט ער,
ס׳קומט דער קיבוץ דער גאַנצער צו אים,
ווער עס דאַרף שוין אַ זויל, ער, דער ריכטער,
קען בלויז פסקענען אין אלונים

טראַקטאַריסטן און אַקערער, זייער,
דער משמש ביי עופות אין לול,
ווו אַ קיבוצניק איז נאָר אַ גייער —
מיט זיין חותם די ערד איז דאָ פול.

ווי אַ קעפל קונדייסיש־צעשטיפטן
גלעט ער ליבלעך אַ קינדערשע זויל
און באַדעקט זי מיט קושן — די שטיפטן,
וואָס פאַרשטעקט זענען פול אין זיין מויל.

יעדער גלעט, יעדער שלאָג אין אַ פלעקל,
יעדער צי אין דער זויל מיט דער צוואַנג
איז ביי אים ווי אַ קניפּ אינעם בעקל —
אַ געזונט זיי, דעם קליינוואַרג, אין גאַנג!

ס'איז אַ ברכה אַ רעגן אין חשוון,
נאָר אַ קללה דעם פוס וואָס איז נאַס,
דאַרף מען לייגן אַ פעסטע פאַדעשווע,
צום געזונט — אַ געזונטן אָפּצאַס!

און אַ פאַדקעווע דאַרף מען פון אייזן —
און ער גיט זיך מיט חדווה אַ כאַפּ
צו דעם ניגון פון אברהם רייזען
און צעזינגט זיך: „אוי, העמערל, קלאַפּ!"

קלאַפּ־זשע, העמערל, שטאַרקער און גיכער! —
אַזש עס דראָט מיט געפאַר יעדער קלאַנג
ווי פון שופר די ווענט פון יריחו
זאָל צעוואַרפן דעם צריף דאָס געזאַנג.

זינגט אַזוי דורך דער וואָך דאָס באַראַקל,
ביז דער שלווה פון פרייטיק פאַרנאַכט,
ווען דאָס העמערל מאַכט דעם סך־הכל
און די טיר ווערט מיט שטערן פאַרמאַכט.

ער פאַרלאָזט ערשט פון שוכוואַרג דעם עיגול,
ס׳ווערט דער צריף אַ פאַרכישופטער שלאָס.
אַלע שיך דעם באַראַק ווערן פליגל
און זיי פליען מיט אים ביז צו חצות,

ביז די ליכטער פון מלכות פון שבת,
הויך, אין בלוילעכן סאַמעט באַזעצט,
און ווו זיינע פאַרזאַמדיקטע שקראַבעס
ווערן דאָרטן מיט גינגאָלד געשעצט.

## בלומען אויף „דקר״ *

געקומען זענען זיי פון צפון און פון דרום
מיט רויזן אין די הענט, מיט קינדער אויף די אָרעמס,
מקבל־פּנים זיין אַ זון, אַ מאַן, אַ חתן,
די שטרענגע ים־לייט און די יונגיטשקע מאַטראָסן,
מיט שפּראָץ אויפן געזיכט, ווי צאַרטער פוך פון בלומען,
מיט ים־זאַלץ און מיט מאַמעס מילך נאָך אויפן גומען.
באַקומען האָבן זיי די גליקלעכע ידיעה —
די שעה ווען ס׳קערט זיך אום דקר פון איר נסיעה.
זיי האָבן זיך געוועקט, געפעדערט אין באַגינען,
צו קומען צו דער צייט, ביים ים־ברעג זיך געפינען.
זיי וואַרטן שוין אַ שעה, אַ צווייטע און אַ דריטע,
שוין האָט דער אומגעדולד און אומרו אויף זיי שליטה,
דער צווייפל און פאַרצווייפל דרינגען דורך שוין אַלע.
ווי וואַסער אין אַ שיף, צעשלאָגן אין אַ סקאַלע,
וואָס דורך די לעכער שפּאַרט און רייסט זיך דורך די שפּאַלטן —
ווער וועט אים אין זיין שטראָם פאַרשטעלן שוין, פאַרהאַלטן?
אַ כוואַליע גייט און קומט. נאָר קומט נישט מיט קיין בשורה
פון זיי אין אונטערוואַסער, אין פאַרהויל, אין גבורה.
וואָלט שוין דקר דעם ים צעבויטעט און צעשטויסן
און אויף דער אויבערפלאַך באַוויזן זיך אין דרויסן —
אַ שוואַרצער פלעק, נאָר ליכטיק פאַר די אויגן.
נאָר מ׳האָט אומזיסט דעם בליק אין וואַסער איינגעזויגן.
וואָלט זיך ביים האָריזאָנט געוויזן כאָטש אַ סימן,
נאָר ס׳הורבען זיך די כוואַליעס, שויבערן און גרימען,
פאַרדרייען זייער אַנגסט אין זיך, אין זייער שוימען,
און טראָגן אים אַוועק, פאַרזינקען אים אין תהומען.

---

*) דקר (דאַקאַר), ישראלדיקע אונטערוואַסער־שיף, אונטערגעגאַנגען אין מיטללענדישן ים דעם 25־טן יאַנואַר 1968, משמעות טאָרפּעדירט דורך די שונאים פון ישראל.

צי האָט אַ קעסלגרוב די ים־לייט אין זיין רינג פאַרשלאָסן?
פאַרשלעפּט אין שאול־תחתיה און מיט וואַסערשטויב פאַרגאָסן?
אַ שילדקרעט אין דער טיף גיט אויך פון זיך אַ צייכן,
גראָבט אויס אַ ביסל ערד, אונדז אויבן צו דערגרייכן.
און כאָטש מען זעט אים נישט, דאָך זעט מען זיינע שטויבן.
פון זיי, די מענער, קומט נישט מער קיין צייכן אויבן,
קיין שום סיגנאַל, קיין קלאַנג פון זיי, אין קול אין עונה.
דערווישט האָט דאָס געהיימניש זייערס — אַ געהיימער שונא?
האָט ער זיך צו דקרס פאַרבאָרגעניש — פאַרבאָרגן
און ווי אַ טכויר אָן עופות־שטייג די שיף דערוואָרגן?
די זון גייט אונטער און ס'צינדט אָן דעם ים אַ שריפה.
די נאַכט פאַלט צו, נאָר ס'פאַלט נישט צו קיין שלאָף אויף חיפה
און נישט אויף תל־אביב, אויף לוד, אילת, חדרה,
כאָטש ס'פאַלן צו די אויגן־דעקלעך מידע, שווערע.
דעם אָטעם האַלט מען איין אין צפת און אין רחובות,
כאָטש ס'האַרץ אין עצבות, מיט בטחון נאָך פאַרקאָוועט.
עס רוקן איבער זיך, שוין וויפל מאָל, די ווייזער.
נאָך תיקון־חצות, נאָר ס'לעשט זיך נישט דאָס ליכט אין הייזער.
ירושלים פראָוועט היינט אַ ליל־שמורים,
פאַרשפאַרט זיך אין די שטיבער מיט די ים־אסורים,
דעם ספר צוגעמאַכט, דעם תהילים און דעם זוהר.
אַהין, אַהין דאָס גאַנצע לאַנד נייגט צו דאָס אויער,
כאָטש אויפכאַפּן אַ קלאַנג, אַ שאָרך וואָס איז מרמז,
און בלויז געוויין דערגייט פון פרויען, קינדער, מאַמעס,
דער יאוש פון דעם עולם הויזגעזינדן, קרובים.
ער מאַנט ביים ים, ווי שולדיק וואָלט ער זיין אַ חוב אים,
ווי עפּעס וואָלטן נאָך פון אים געקענט דערוואַרטן
די שטייענדיקע דאָ אין גורל ביטערן און האַרטן,
און שטרעקן הענט צום וואַסער מיט אַ טענה־תנועה.
ווי קומען וואָלט געקענט פון ים נאָך אַ ישועה.

עס טאָגט אויפסניי.ביים נייעם זון־אויפגאַנג צעשטראַלטן
אָ, זאָגט אונדז, כוואַליעס, ווו האָט איר זיי דאָרט באַהאַלטן ?
ווו האָט זיך ס׳בלוי פון לאַנד און בלוי פון ים צונויפגעגאָסן ?
אין וועלכן גרונט פאַרהילט ישׂראלס ים־לייט און מאַטראָסן ? —
תכריכים לויטער תכלת זענט איר זיי געוואָרן,
געוואָרן איז בציבור זיי די שיף אַן אָרון
און אַ מזבח, פון די גרונטן אויפגעהויבן,
וואָס רייסט זיך דורך צו אונדז, אַרויפצו, אויבן.
און יעדער וואַרפט וואַרפט אים, כאָטש מען ווייסט נישט ווו, די בלומען,
וואָס צום קבלת־פּנים מ׳האָט זיי מיטגענומען,
און יעדע בלום, וואָס ווערט געשליידערט, נעמט דער שטראָם מיט,
און יעדע, פון דער זון געצונדן, טראָגט זיך — אַ נר־תמיד.
צעוויקל זיך, אָ הימל, איבער זיי, ווי אַ מגילה.
קלאָג אויס אַ נייע קלאָג דעם עתיד און אַ תפילה,
און פון דעם צער נאָך נישט געזעענעם דערצייל אים:
מען קומט מקבל־פּנים זיין, מען גייט אַוועק אבלים,
און גאָרנישט נעמט מען מיט פון ים אַחוץ דעם טרויער,
אַפילו נישט קיין אָנדענק־חפץ קומט פון זיי קאַפּויער.
צומאָל קיין בגד זעט מען נישט, קיין שוך פון וואַסער שטאַרצן,
נאָר בלויז דקר פאַרשניטן מעסערדיק אין האַרצן.

# בײַ דער אָזערע לוגאַנאָ

# דער באַרג סאַן־סאַלוואַטאָרע

אוי ווײ, וואָס פאַר אַן אומגליק איז צו אים, וואָס פאַר אַ צרה —
קיין מענטש האָט נישט באַטראַכט אים, דעם באַרג סאַן־סאַלוואַטאָרע.

אים האָט מען נישט פאַרבויט מיט הײַזער און האָטעלן,
וואָס קלעטערן אַרויפצו ווי אויף טרעפּ, אויף שוועלן.

איז ער, באַעוולט און פאַרשעמט, די בערג אַזוי מקנא,
וואָס זיצן בײַ די ברעגן פון דער אָזערע לוגאַנאָ.

פאַרביטערט הערט ער ווי מיט לעבן קלינגט פון זײַ דאָרט יעדער
וואָס אויפן רוקן טראָגט ער הויך פּאַלאַצן, גערטנער, סעדער.

בלויז אים דער בורא אין בראשית האָט אַמאָל צו שיף געפורעמט,
איז ער אַרויס מגושם־גלײַך און אויפגעשאָסן, אויפגעטורעמט.

ס'איז נישט געווען קיין צײַט מער אים צו טאָקן און צו טעסען,
איז ער געבליבן זינט קדמונים אַן שוין בוגרתדיק־פאַרזעסן.

באַשערט, עס זאָל קיין מענטש אויף אים קיין פוס נישט שטעלן,
די קללה טראָגן זאָל ער בלויז צו זײַן פאַרלאָזט און עלנט.

און נישט קיין סימן זאָל ער טראָגן פון אַ הויז, אַ ווילע,
און נישט צומאָל קיין פּראָסטע קאַמער, נישט קיין שטאַל אפילו.

איז אים באַשערט צו שטיין פאַרפינצטערט, איבעריק, אומנויטיק.
ווי נאָר ער שפּיגלט זיך אין וואַסער — ווערט עס פלעקיק, מוטנע, קויטיק.

עס שפּיגלען אָפּ אין וואַסער אוצרות אַלע בערג און היגלען,
נאָר ער, מישטיינס געזאָגט, וואָס האָט ער דאָ אַזוינס צו שפּיגלען?

## פאַרטאָג אין קאַסטאַניאָלאַ

אַזאַ שטילקייט, אַזאַ שטילקייט
איז פאַרטאָג אין קאַסטאַניאָלאַ.
הערן קען מען דורך דער וואַנט,
דורך אַ טיר, צי דורך אַ פענצטער
ווי פון שלאָף אַ שכן עטעמט
נאָכאַנאַנדיק און פּאַוואָליע —
ביי דעם ברעג פון קאַסטאַניאָלאַ.
ס׳חלומט יעדער נאָך זיין חלום,
אָבער ס׳חלומט זיך נישט קיינעם
אויפצושטיין שוין פונעם בעט.
בלויז די בערג אַרום די ברעגן,
שוין דערוואַכטע, קוקן איין זיך,
שפּיגלען איין זיך אינעם וואַסער,
קלייבן זיך באַצייטנס מאַכן
זייער מאָרגן־טואַלעט.
ס׳איז די אָזערע פאַרטאָגיק —
האַלב אין ראָז און האַלב אין בלויען,
ווי אַ מאָלער וואָלט געגרייט זיך
אויסצומישן זיינע פאַרבן
צו אַ ווונדערלעך געמעל
אויף דער אָזערע — פּאַליטרע,
האַלב נאָך טונקל, האַלב שוין העל.
ביימער פערלדיק, נאָך טויאיק,
ביי דעם ברעג פון קאַסטאַניאָלאַ,
פון קדמונים, זינט פאַרצייטנס,
זענען זיך אַזוי שוין נוהג —

פונעם שלאָף ערשט אויפגעכאַפּט זיך,
קודלעס נאָך צעשויבערט־האָריק,
קוים באַגילדטע, ראָז־קאַיאָריק,
טובלען זיי זיך שוין אין וואַסער
צו די ערשטע מאָרגן־תפילות.
און לענגאויס דעם ברעג די שטיבלעך,
אויסגעצאַצקעט־פּיטאָרעסקע,
שורות ציין — די ווייסע ווילעס,
וואָס אַ צאָן־בערשטל פון גינגאָלד —
ערשטער זון־שטראַל — פּוצט און וואַשט זיי
מיט אַ שווענק און מיט אַ פּליעסקע.
אַזאַ שטילקייט, אַזאַ שטילקייט
איז פאַרטאָג אין קאַסטאַניאָלאַ.
בלויז אַ פויגל וועקט זיך איבער,
פון די צווייגן אויסגעטשוכעט,
טונקט אַ פליגל איין אין וואַסער,
קוים, בנעימות, ווי מיין זיידע
טונקען פלעגט אַ פינגער זיינעם
אין דעם וויין פון דער הבדלה — —
און די אָזערע איז ווייטער
ווי מיט וואַסער — פול מנוחה,
פול מיט שלווה און מיט שטילקייט,
אַזש עס דוכט זיך ווי דאָס וואַסער
וואָלט אויף תמיד שטיין געבליבן,
קוים באַוועגיק, שטראָמיק, לויפיק.
בלויז אַ מאָטאָר־שיפל ערגעץ
שוין באַצייטנס קלאַפּט אָן אויפהער —
פונעם שטעטעלע דער דופק.

## צווישן צוויי ריזן־בערג...

צווישן צוויי ריזן־בערג האָט זיך אַ דערפל פאַרקליבן:
שטיבעלעך פיטשינקע, פינטעלעך, זעקס אָדער זיבן.

שרעקט מיך אַזוי ווען עס גרייכן צו זיי מיינע בליקן:
ס׳זאָלן די ריזן זיי דאָרט נישט, חלילה, צעדריקן.

ווער האָט געבעטן די נאַרישע דאָ זיך פאַרקלייבן —
צווישן די יאַסלעס פון וואָלף, אויף זיין חסד צו בלייבן.

כאַפּ איך אַ בליק דורכן פענצטער פאַרטאָג, נאָך פאַרשלאָפן,
טעם איך אָפּ, גאָט זיי דאַנק: נאָך אין טאָל זיי געטראָפן.

זע איך די שטיבעלעך קען איך שוין רואיקער ליגן. — —
אפשר גאָר ביינדלעך צעשאָטן, פון וואָלף אויסגעשפּיגן!...

צווישן צוויי ריזן־בערג האָט זיך אַ דערפל פאַרקליבן.
גאָט מיינער! וועלכער געדאַנק האָט אַהער זיי געטריבן? — — —

## פ אַ ר מ י ש ע נ י ש

פון וואַסער, פון דער טונקלעניש געדיכטער
פאַנטאַנען שפּריצן מיט קאָלירטע ליכטער.

קאָלירטע ליכטער, ליכטיקע קאָלירן,
וואָס ווילן מיך פאַרנאַרן און פאַרפירן.

ס׳איז אפשר אַ מכשף גאָר אַ שפּאָגל־נייער,
וואָס מאַכט פון פייער וואַסער און פון וואַסער — פייער;

פון וואַסער זאָלן אויפגיין, לייכטן פלאַמען
און פייערווערק מיט וואַסערווערק צוזאַמען.

קען זיין, אַראָפּגעפאַלן איז אַ רעגנבויגן,
צעקלאַפּט זיך און צעשפּריצט פאַר מיינע אויגן.

און פונעם קלאַפּ צעדולט איז ער אינגאַנצן
און הערט נישט אויף משונהדיק צו טאַנצן.

און תנועות פירט ער אויס, יענוועלטישע העוויות.
מיין בליק פאַרזינקט אין אים — אַ פלאַטערל אין פייער.

## די אַלטיטשקע אין פּאַרק

פּאַמעלעך גייט די אַלטיטשקע אַקעגן מיר אין וועג.
זי ציילט די דראָבנע טריטעלעך ביים גיין, ווי אירע טעג.

קיינמאָל נישט צעשיידט זיך מיטן שטעקעלע אין האַנט
און שטענדיק אין אַ מלבושל פון וואָלענעם געוואַנט.

מעג זיין אין גאַס אַ חמימה, גייט זי וואַרעם אָנגעטאָן,
ווייל ס'טוט איר ווי אַן אַקסעלע און ס'שטעכט און ברעכט אין סטאָן.

שטענדיק טראָגט זי מיט מיט זיך פּאָר קינדערלעך אַ נאַש,
און ברעקלעך ברויט צעריבענע פּאַר פייגל אין איר טאַש.

איך זיץ אין עס־זאָל לעבן איר, איך קוק אויף איר און שווייג.
אַרום איר טעלער פלעשעלעך און פושקעס — אַן אַפּטייק.

עס דינט נישט דער זכרון און דאָ גיי, געדענק אין אַלץ:
אָט יענע פיל צום שטאַרקן, די צום קאָפּ און די — צום האַלדז.

און רק עס יאָגט אַ צוגווינט איר אין פלייצקעלע, איר דאַכט.
ס'איז ערגעץ־ווו אַ פענצטער, צי אַ טיר נישט צוגעמאַכט.

זי קייט געלאַסן מיט איר פינצטער איינגעפאַלן מויל,
ווי אַ נעסט, פאַרלאָזט פון אַלע פייגל, פוסט און הויל.

זי עסט און די מחשבות אירע זענען ערגעץ ווייט.
צי טראַכט זי און דערמאָנט זיך נאָך אַמאָל איר מיידל־צייט?

איר ערשטן שעמעוודיקן קוש? איר ערשטן ראַנדעווו?
איר לויפן מיט געפּלאַטער א י ם צו טרעפן ערגעץ־ווו?

אין גאָרטן אויף אַ וויג־שטול און אין שאָטן פון אַ בוים.
דאָס וויגט איר איין איר קינדער־וויגל צווישן וואָר און טרוים?

אַ קנויל פון וואָל, ווי לעבעדיקס, באַוועגט זיך אין איר שויס.
זי שטריקט פאַר אירע אייניקלעך, גיי צייל זיי אַלע אויס...

און יעדער פאָדעם ווערט פון איר געצערטלט און געליבט.
זי ווערט דורך זיי צו דורות צוגעבונדן און פאַרקניפּט.

מיט אַ ליבן ליאַרעם קומען קליינוואַרג צו איר צו.
העי, קונדייסים, שטילער, לאָזט די באָבעשי צורו.

זיי שפּילן זיך אין באַלעם און זיי טרעפן איר אין שויס.
נאָר ס׳אַרט איר נישט, זי דרימלט איין. דער פאָדעם איז שוין אויס.

עס זינקט איר קאָפּ, פון אַקסלען פאַלט אַראָפּ איר אַלטע שאַל.
און ס׳דאַכט, דער טומל פונעם פאַרק איז מער אַ״ף איר נישט חל.

# אַ שטיינדל אין וואַסער

איך וואַרף אַריין פאַרנאַכט אַ שטיינדל אין דער שטילער וואַסערפלאַך,
ווי כ׳פלעג דאָס טאָן נאָך ייִנגלווייז. דאָס שטיינדל גיט אַ מאַך
אַ פליוסק און רודערט אויף דאָס וואַסער, צייכנט אָן אַ רינג.
דער רינג באַשאַפט נאָך אַנדערע. מיר דאַכט, אין זיי כ׳פאַרזינק.
צי זאָל דאָס זיין אַ שטראָף, וואָס כ׳האָב די וואַסער־רו צעשטערט?
זיי האָבן מיך געשלעפּט צו זיך, די רינגען, פון דער ערד,
אַריינגעפלאָנטערט מיך אין זיי ווי אין א שטאָלענעם ספּיראַל.
די נעץ, אויף מיר פאַרוואָרפן, ציט מיך, ציט אין כף־הקל.
אַ וואַסער־מיידל אפשר האָט פאַרלייגט די נעץ אויף מיר.
די רינגען — אירע אוירינגען און שנורן שמוק און ציר.
זי ציט מיך און פאַרנאַרט צו זיך אין טיפעניש פון תהום,
אַ ווייסער שלייער בלייבן זאָל נאָך מיר — א ביסל שום.
זי לאָקט מיט אירע לאָקן און מיט וואַסער־פּערל ווינקט. — —
אַ גליק, אַ גליק, צום אָוונט־ברויט דאָס ליבע גלעקל קלינגט,
פון וואַסער און פון וואַסער־מיידל שלעפּט עס מיך ארויס
און שלעפּט מיך פון די שרעק־מחשבות אויך און לייזט מיך אויס.

## זון־פֿאַרגאַנג

פֿאַרנאַכט. איבער דער אָזערע, ביים הימל־ראַנד
שוין האָט זיך אויסגעשיילט דער בלאַסער מולד,
נאָר אונטן איז מיט בלוט פֿון שקיעה ס׳וואַסער נאָך פֿאַרגאָסן,
ווי ס׳וואָלט דאָ עמעצער אַ ריזן־פֿיש געשאָכטן, דעם לוויתן.
און מיר האָט איצטער זיך מיין ווייטע היים דערמאָנט:
די מאַמע האָט אַ פֿרייטיק אינדערפֿרי אַ קאַרפּ געקוילעט
און ס׳איז די שיסל וואַסער מיט זיין בלוט געווען פֿאַרגאָסן,
ווי פֿון דער אָזערע דער וואַסער־בעקן איצט,
און אויך דער מאַמעס הענט באַכליאַפּעט רויט, באַשפּריצט.
ווי דאָס האָט מיך געאיבלט און פֿאַרדראָסן!
די גוטע מאַמע! יעדעס שטיק צעהאַקטע קאַרפּ
האָט זיך געוואָרפֿן, ווי ס׳וואָלט וועלן ביטער־האַרב
אַ טענה שליידערן דער מאַמען אין איר אידל פּנים.
מיט בלוט פֿון קאַרפּ איז זי געווען פֿאַרפֿלעקט אינגאַנצן
און מיט די שופּן שטאָלענע באַדעקט — מיט זיין באַזיגטן פּאַנצער.
פֿאַרוואָס זאָלסטו מיך, שקיעה, איצט אין דעם דערמאָנען?
אָ, זאָל זי גיכער פֿון דער אָזערע און פֿון מיין בליק פֿאַרשווינדן
און שפּיגלען בלויז אין זיך דעם בלאַסן מולד;
דער הימל זאָל אים שייערן און מאַכן שאַרפֿער, בולט,
און היינט — ווי צו אַ יום־טוב כביכולס — אַלע שטערן צינדן!

# שלום־עליכם אין לוגאַנאָ

מיר דאַכט ווען איך גיי אויפֿן שטיינערנעם ברעג פֿון לוגאַנאָ
כ׳זע שלום־עליכם דאָ אויף זיין שפּאַצירגאַנג נאָך שפּאַנען.

דער שטעקן, דער הוט, ווי אויף זיינע שווייצאַרישע בילדער.
נאָך לייכט זיך דאָ אפשר אין וואַסער זיין שמייכל דער מילדער.

די גאָלדענע קייט פֿון זשילעט און די גאָלדענע קייט פֿונעם יחוס.
ער דאַרף בלויז דאָס גאָלד פֿון דער זון — פֿון איר היילונג די שליחות.

אַ דעכעלע מאַכט ער זיך בלויז קעגן איר מיט זיין שטרויהוט
און הערט ווי אַ שיף ערגעץ יאָמערט פֿאַרצווייפֿלט און וואַיעט.

ער קוט דורך דער בריל אויף גאָטס וועלטל וואָס שפּרייט זיך פֿון דאַנען,
וואַרפֿט ברעקלעך אַראָפּ דעם פֿאָרפֿאָלק אויפֿן וואַסער — די שוואַנען.

ס׳זאָל זיין שלום־בית, וואָס מיינט שלום־וואַסער ביי זיי דאָרט.
אין קמח, אין ליבע — און כּיבוד ער וואַרפֿט זיי און שליידערט.

טוריסטן און זומערגעסט. כ׳הער דעם געפּלאַפּל פֿון פֿרעמדע לשונות.
איך זוך דאָ דעם קלאַנג פֿון זיין לשון און ס׳בת־קול פֿון זיינע פֿאַרשווינען.

איך זוך דאָ זיין שאָטן, וואָס שפּעט און מאַכט נאָך זיינע תּנועות.
איך זוך דאָ אַ שפּור פֿון יעהופּעץ, אַ שטויב פֿון כּתרילעווקע ווו איז ?

פֿאַרלוירן דאָ אין דעם געווירבל פֿון פֿעלקער, פֿון מענטשן און שפּראַכן,
איך זוך זיין פֿאַרשטויבטן רעצעפּט, וואָס ער האָט אונדז פֿאַרשריבן —
צו לאַכן.

## זיבן קאַטשקעלעך

יעדן טאָג אַזוי כסדר,
אין דער זעלבער שעה, בלי נדר,

ביי דעם ברעג, צערוישט פון שטימען,
זיבן קאַטשקעלעך זיך שווימען.

איינס נאָך איינס ווי נאָך מושטירונג —
פאַר דער אָזערע אַ צירונג.

יעדן טאָג איך צייל זיי איבער,
גיך, זיי זאָלן נישט אַריבער.

כ׳צייל: נישט איינס, נישט צוויי... נישט זיבן.
אין דער היים קיין איינס פאַרבליבן.

פלינק מיט פיסעלעך זיי רירן,
מיטן הינטן קאָקעטירן,

דרייען, חנדלען, ווי געהעריק,
דאַמיש ממש, הין־און־העריק.

איינע, ווי אַן עלטסטע פּאַרנט,
ווי באַשליפעט און באַשפּאַרנט,

שטרענג היט צו, די צאָל זאָל שטימען,
אַלע זאָלן נאָך איר שווימען.

און זי וואָרנט יעדע קאַטשקע:
נאָר נישט מאַכן דאָרט קיין גראַטשקע!

ווער עס טומלט ווי אַ יאַכנע
זאָל פאַרלאָזן גלייך די מחנה!

איין מאָל, כ'בין דערשטוינט געבליבן —
כ'האָב נישט מער געזען קיין זיבן.

זעקס בלויז אין דער שורה שווימען.
כ'צייל, דער חשבון וויל נישט שטימען.

כ'זיץ אין עסזאַל. נאָכן דעסער.
נאָר ווי כ'בין נישט קיין פאַרגעסער

ליגט מיר ס'קאַטשקעלע אין זינען.
כ'וויל דאָס זיבעטע געפינען.

ס'קומט דער קעלנער מיט דער קאַפּע,
הויך און שמאָל ווי אַ זשיראַפּע.

כ'פרעג, וווּ ס'איז אַהינגעקומען,
אפשר וווּ אַוועקגעשוווּמען?

— גאָרנישט האָט דערמיט געטראָפן —
ענטפערט ער ווי האַלב פאַרשלאָפן. —

מאַכט נישט וועגן דעם קיין טומל,
ס'קאַטשקעלע וואָס פעלט צום רומל,

איז ביי אייך — זאָגט ער פאַרלעגן —
אויפן טעלער ערשט געלעגן.

# דאָס מיידל מיט די קופּערנע האָר

דאָס מיידל מיט די קופּערנע האָר,
די דרייסטע שווימערין ביים ברעג פון דער אָזערע.
איר קופּער שימערט אין דער זון. ווי נאָר
זי גיט אַ טרייסל מיט איר ווילד־פאַרשייטן קאָפּ
נעמען פון איר פאַלן פלאַמען אינעם גראָז אַריין,
ווי זי וואָלט זיין אַ מאַדים, אַ זשאָנגליאָר.
קוקט די ווימלענדיקע פּלאַזשע אַ פאַרגאַפטע,
און אפשר אויך, קען זיין, מיט שרעק:
זאָל זי גיך אַריין אין וואַסער, לייגן קלאַפּטער,
ווייל אַ שרפה קען אַרומכאַפּן דעם גאַנצן ברעג.
קוקן יונגעלייט איר נאָך און שמייכלען ציען זיך
ווי אָוונט־שמעטערלינגען צו אַ ליכט פאַרבענקט,
נאָר זי, זי מיידט זיי אויס: אַ שאָד דאָס מיען זיך...
און יעדער שמייכל אין איר פלאַם ווערט אָפּגעזענקט.
זי גייט צום וואַסער, ס׳קלינגען אירע גלידער.
אויפן שפּרינגברעט שטייט זי ווי אַ בראָנדזענע סטאַטוע.
קיין צוק פון לייב, קיין איינציק־מינדסטע תנועה.
זי שטרעקט זיך אויס פאַרויס, אַראָפּ־צו צו דער נידער:
כאַפּ מיך, שטראָם, פאַרוויקל מיך, איך בין דיין כלה!
און זי נעמט די הענט פאַנאַנדער ווי אַ יונגער אָדלער
די פליגל זיינע צו אַ פלי בשעת ער גרייט זיך
אַראָפּצולאָזן פון אַ הויכער סקאַלע.
זי האַלט די הענט צעשפּרייט אַזוי אַ ווייל
און נעמט זיי באַלד צוזאַמען שמאָל־פאַרשפּיצטע
ווי אַן אָנגעצויגענע און שאַרפע פייל,
און ראַפּטעם שלאָגט זיך אָן דער קופּער פון איר קאָפּ
אין שטאָל פון וואַסערן צעשפּריצטע.

די קלאַנגען שטאָלענע און קופּערנע זיך מישן אויס
ווי אינסטרומענטן אַלערליי פון אַן אָרקעסטער,
וואָס איז צום אויפשפּיל מיטאַמאָל אַרויס.
איר קאָפּ — אַ פייערקויל וואָס אָט פאַרשווינדט ער
און אָט גאָר טויכט ער אויף צוריק, די כוואַליעס צינדט ער.
געפּעכט פון פייער און פון וואַסער, מעכטיקער, פאַרשייטער,
וואָס איינער וויל דעם צווייטן גובר זיין.
עס קייקלט זיך די פייערקויל אַוועק אַלץ ווייטער, ווייטער.
מיט קנאה קוקן נאָך די פּרויען ביי דעם ברעג
און מיט אַנטציקונג און באַוווּנדערונג די מענער,
ביז ס'ווערט איר פייערקויל אַלץ קלענער, קלענער, קלענער,
אַזש מיך באַפאַלט אַן אַנגסט און שרעק.
נאָר אָט באַווייזט זיך אויף דאָס ניי איר פייער־קאָפּ.
עס שטויסן אים די כוואַליעס נענטער צו דעם ברעג.
זי שווימט צוריק! איך אָטעם לייכטער אָפּ.
צום באָדן שטרעקט זי אויס אַ האַנט. איך בענטש איר ווידערזיין.
די זון פאַרקייקלט זיך שוין ווייט אַהינטער באַרג,
גייט אויס, גייט אויס... נאָר נישט איר קופּער־שיין.

1968—72

# שפּליטערס

## איך וועל מיין טיר פֿאַרקלאַפּן...

איך וועל מיין טיר פֿאַרקלאַפּן און אַרויסגיין מיטן רעכטן פֿוס,
זיך לאָזן מיטן שליאַך אַוועק אָן ציל און אָן א זינען,
און אָפּגעבן וועל איך מיין קאָפּ דעם ווינט, צו זיין רשות,
ער זאָל זיך לאָזן ווילגיין פֿראַנק און פֿריי מיט מיין טשופּרינע.

ער זאָל מיר ווי אַ שטיפּערקע אַ מויד צעשויבערן די האָר,
כל־זמן עס איז נאָך עפּעס דאָ צום שויבערן אַ ביסל.
דעם ווינט אַנטקעגן וועל איך גיין ביז אַלדע גוטע יאָר,
נישט לאָזן כ׳וועל דעם יאוש אונטערשטעלן מיר אַ פּיסל.

איך וועל זיך פּעדערן אין וועג באַגין, מיט פּערלדיקן טוי
מיר אויסצווואַשן פֿון די אויגן די ביינאַכטיקע קאָשמאַרן;
די וועלט אַרומצונעמען ווי די טאַליע ביי אַ פֿרוי.
ס׳איז ליבער שטאָט אַ שטעקן, אָן דער וועלט זיך אָנצושפּאַרן!

# מאַלינעס

מיר האָבןביידע מאַלינעס געזוכט
צווישן די גרינע און געדיכטע קוסטעס.
און אַז מיר האָבן געפונען איינע
האָבן מיר תיכף זי פאַרזוכט
און האָבן געטיילט זי צווישן אונדז ביידע,
געטיילט צווישן דיינע און מיינע ליפּן.
האָבן מאַלינעס ווען ס'איז אַזאַ טעם שוין געהאַט?
דורךביימער און צווייגן די זון־שטראַלן זיפּן
און וועבן דיך איין אין אַ גאָלדענער נעץ,
פאַרפּלאָנטערן אונדזערע בליקן און אָרעמס.
געשיקט פאַרשטעלט הינטער יעדן בלאַט,
באַהאַלטן זיך די מאַלינעס — און דו אויך.
זיי שפּילן אין באַהעלטעלעך מיט מיר — און דו אויך.
נאָר אַז איך האָב אַ מאַלינע געפונען
האָט די רויטקייט אירע מיך געבלענדט
און די רויטקייט פון דיין זומער־קליידל — אויך.
אַזוי ווי די מאַלינעס פאַרשטעקט — באַהאַלטן
ביסט דו הינטער קוסטעס און בלעטער געזעסן
און געוואַרט אַז איך זאָל דיך אויסגעפינען.
און אַז איך האָב דיך מיט מזל געפונען
האָב איך אין די מאַלינעס פאַרגעסן.

## אַ וואַזע בלומען

די וואַזע בלומען אויפֿן טיש
איז ווי אַ לעבעדיק שטיללעבן.
איך וואָלט זיי ליבער נאָך געהאַט
ווען דו וואָלסט נישט געווען דערנעבן...

די בלומען זענען מיר אַ שטער
צו זען דיך גוט אַקעגנאיבער.
זיי זאָלן נישט פֿאַרשטעלן דיך —
איך בעט דיך, טראָג זיי ערגעץ איבער.

דו זאָגסט, זיי קומען פֿריש אָט ערשט
פֿון מילדן דרום גלייך, פֿון ניצע.
איך שעץ די חשיבות, נאָר נישט דאָס —
זיי זאָלן זיין אונדז אַ מחיצה.

ס'איז אמת, שיין איז דער בוקעט
און פֿלאַקערט אויפֿן טיש — אַ שייטער,
נאָר זאָל ער נישט פֿאַרשטעלן דיך
און פֿלאַקערן אַ ביסל ווייטער.

## אין אַ מוזיי

איך האָב אין אַ מוזיי פון קאָפּענהאַגען
זיך לאַנג פאַרהאַלטן ביי אַן עקספּאָנאַט.
כ׳האָב דעמאָלט נישט געטראַכט אַז איך וועל וואַגן
דערציילן וועגן אים מיט יעדן פּרט.

געלעגן אין אַ גרוב איז אַ געקעפּטער,
פאַרמשפּט פונעם קעניגלעכן הויף.
זיין קאָפּ דערנעבן, ווי אַ צוגעקלעפּטער,
ווי אָפּגעגעבן וואָלט מען אים אַ חוב.

ס׳פאַרלאַנגט דער יושר צונעמען דאָס לעבן,
נאָר נישט דעם קאָפּ וואָס צו דעם גוף געהערט.
האָט אים די ערלעכקייט דעם קאָפּ צוריקגעגעבן.
בפירוש זע איך ווי זי ליגט אין דר׳ערד.

ס׳איז עקספּאָנאַטן זען מיר אויסגעקומען!
נאָר יענער מאָנט זיך עפּעס פאַר מיין בליק,
גלייך איך וואָלט גאָר דעם קאָפּ אים צוגענומען
און שפּעטער ביי דער זייט אים צוגעלייגט צוריק.

## די פליג

דו יאָגסט זיך מיט אַ שטשערקע נאָך דער פליג,
ווילסט זי פון קיך אַרויס פאַריאָגן דורכן פענצטער.
אוי, טשעפּע זי נישט, ווייל איבער מיין וויג
האָב איך זי נאָך געהערט. דו ניגון מיינער שענסטער.

ווי קונציק דרייט זי זיך ארויס פון דיר
און לאָזט זיך בשום־אופן נישט פאַרטרייבן.
אַט שטייט זי אויף דער וואַנט, אַט פליט זי צום געשיר,
און אַט פאַרשווינדט זי — ביי דער שטשערקע מוזסטו בלייבן.

איך בעט דיך: טשעפּע זי נישט. איך, פאַרקערט,
וויל דווקא הערן ווי זי ניגונט און זי זשומעט.
זי טשעפּעט דאָך קיין מענטש אפילו אויף דער ערד.
ווי האָב איך דאָס מיט איר אויף פּלאַזשעס אָפּגעזומערט!

דאָס האָט זי זיך פון יענע יאָרן אומגעקערט,
פון ברעגן, וווּ זי האָט, ווי איצט אין קיך, געזשומעט.
איך בעט דיך, לאָז מיך איינהערן צו איר קאָנצערט,
ווי צו מיין יוגנט־צייט אין בענקשאַפט און אין אומעט.

נאָר דו ווילסט דווקא איצטער אָפּהאַלטן דיין זיג,
די שטשערקע ווי א פאָן אַרויסהענגען אויף טירן.
הער אויף מלחמה פירן מיט דער פליג,
אויב ווילסטו נישט מיט מיר אַ קריג פאַרפירן.

# דאָס געבעט פון אַן עפּל

ליגט אַן עפּל אויפן טעלער,
ליגט פאַרגעסן שוין מעת־לעתן.
דאַכט, ער בעט זיך רחמים: שנעלער!
בייס זיך איין מיט דיינע ציין,
בייס זיך אין מיין לייב אַריין!
קענסט מיך ברעכן, רייסן, פליקן —
נאָר באַוויליק מיך צו עסן!
כ׳וויל אין דיר אַריין פאַרגיין,
ליגן ווערט מיר שוין דערעסן
אָט אַזוי טאָג־איין, טאָג־אויס,
אָט אַזוי טאָג־אויס, טאָג־איין,
גיב מיר גלייך אין דיר אַ תּיקון.
היינט, ווען ס׳איז מיין פאַרב נאָך רויט
און אַן קנייטשן נאָך מיין הויט;
ווען כ׳בין פול מיט זאַפט און רייץ
פאַר דיין בליק און דיינע ליפּן,
כ׳וויל זיי געבן אַ פאַרפלייץ
כ׳וויל פאַרגיסן זיי, פאַרטרינקען,
מיט דיין גומען זיך פאַרקניפּן,
ווערן אין דיין קעל אַ קנויל —
אין דעם זיסן תּהום פאַרזינקען.
לייג דיין באַק צו מיינער צו,
הויט צו הויט, ווי מויל צו מויל —
דו ביסט איך און איך בין דו.
שייל מיך אָפּ און טו מיך אויס,
נעם מיך פון מיין שאָל אַרויס!...

בעט דער עפּל זיך און בעט:
עס מיך תּיכף — שוין מיך שוין,
ווען איך זיץ נאָך אין מיין פּראַכט
אויפן טעלער ווי אַ קרוין.
עס מיך, מענטש, באַצייטנס, וואָרים
אין מיין טיפעניש פאַרהוילן
נעמט מיך עסן באַלד דער וואָרעם!
מאָרגן קען שוין זיין צו שפּעט —
כ׳קען שוין אָנהייבן צו פוילן.
ווערסט מיך וואַרפן מיט פּאַראַכט
צו די שוועלן פון דער נאַכט
ווו פאַרשטויסן, צו מיין וויי,
זיצן וועל איך דאָרט אויף זיי
און פאַרזיצן, ווי אַ פרוכט
וואָס קיין צאָן האָט נישט פאַרזוכט...

# דו שלאָגסט דעם שטיין...

דו שלאָגסט דעם שטיין, נאָר אים טוט גאָרנישט ווי,
און ער פאַרנעמט די קלעפּ דיינע באהבה.
ווייסט נישט צעברעכן אים ווי שאָלעכץ פון אַן איי
וואָס אין פּאַטעלניע פּאַלט ווי זידנדיקע לאַווע.
ביסט אָנגעגורט צו אים מיט האַמער און מיט האַק
און מיט פאַרמעסט, מיט אימפּעט און געהאַווע,
און ער צו דיר — מיט שטילקייט בלויז און רו. און רק
ער הערט נישט אויף באַאומרויקן דיך מיט זיין רו,
וואָס ער, קדמונימדיק אַזוי, ער רוט און רוט,
און שווייגנדיק אין זיך, הכנעהדיק, ער הערט זיך צו
צום הילך פון דיינע הענט, צום שלאָגן פון דיין בלוט.
צי ער איז ראַציק־שאַרף, צי גלאַט, צי רונדיק, צי דרייעקיק —
ער איז צו דיר קשי־עורפדיק, האַרטנעקיק,
און גאָרנישט טוענדיק — אַנטקעגן דיר ער טוט...
און ווען דו האָסט אים שוין צעהאַקט אויף שטיקער
איז אַלץ נאָך, אַלץ די גבורה זיינע גאַנץ,
באַוואָרנט און באַהיט זי ווי דעם תמצית, ווי דעם עיקר,
ווי אַ ירושה זי צעטיילט אין יעדן שטיק באַזונדער
און אויף דאָס ביי ווי אין אַ פעסטונג זיך מיט איר פאַרשאַנצט.
ווישסט אָפּ דעם שווייס און שטייסט פאַר אים ווי פאַר אַ וווּנדער:
ס'איז יעדעס שטיק באַזונדער אַלץ נאָך ווידערשטעענדיק —
ווידער — שטענדיק...

## ווי לאַנג...

ווי לאַנג איך קוק שוין אויף די שטערנדיקע שימערס,
און דאָך, זיי ווערן אַלץ מיר פֿאַרן אויג נישט נמאס.

ווי לאַנג ס׳איז קענטלעך מיר ס׳געזיכט פֿון דער לבֿנה.
די ווינטן זענען קיינמאָל מיר נישט מאָנאָטאָנע.

עס בייטן זיך אין יאָר די צייטן, די מעת־לעתן,
עס בליט און וועלקט און בליט — דאָס ווערט מיר נישט דערעסן.

די זון איז אַלץ נאָך מילד און האַרב דער שטיין, די סקאַלע.
און ס׳אַרט מיך נישט אַז גאָרנישט ווערט פֿאַר מיר נתגלה.

איך זע די זעלבע ערד ווו אַלץ ווערט ווידער צייטיק.
די זעלבע ערד — קיין אַנדערע איז מיר נישט נייטיק.

## באַנייטקייט

כ׳האָב היינט, מיט מזל, אַ פּאָר שיך באַנייט,
האָסטו געוווּנטשן מיר
אַז טראָגן זאָל איך זיי געזונטערהייט.
בין איך אַרויס אין שטאָט און הייטער,
אַ באַנייטער,
גאַס־איין, גאַס־אויס אַלץ ווייטער
געטראָגן האָבן מיך די שיך.
און שאַ נאָר, שאַ! —
האָב איך זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט
אין סאַמע מיט פון שטאָטישן הו־האַ
און אָט די קשיא מיר געשטעלט,
געפרעגט אַליין ביי זיך:
ווער וועמען טראָגט דאָ, אייגנטלעך, ווער וועמען?
צי טראָג איך זיי, די שיך,
צי זיי גאָר מיך?

# פאַרלוירן

ס׳האָט עמעצער אַ הענטשקע אויף דער גאַס פאַרלוירן.
געלעגן איז זי אַ צעשיידטע און פאַרגעסן,
ביז עמעצער האָט אויפגעהויבן זי פון דר׳ערד,
געטאָן צו איר אַ חסד —
אָנגעקלעפּט זי אויף אַ פענצטער־לייסט,
אַן אייזערן שטאַכעטל,
און פון בזיון און צעטרעטעניש זי אויסגעלייזט.
און איצטער זע איך ווי פון אייזנדל אַראָפּ זי הענגט —
אַ פויל אַראָפּגעפאַלן האַרבסטיק בלעטל,
צי אפשר גאָר —
אַ טויטער פויגל, וואָס אַראָפּגעפאַלן אין זיין פליען.
און אירע פינגער, זע איך, שטרעקן זיך און ציען,
ווי אין אַליינקייט און פאַרלוירנקייט וואָלט זי געבענקט
צום זיווג אירן, דער באַשערטער פּאָר.

## אַ ווינט אין קוימען

אַריין איז אַ ווינט אין אַ קוימען
און קען נישט אַרויס, נישט אַריין.
פאַרפירט האָבן אים זיינע טרוימען:
אַ מקלט זאָל דאָרט פאַר אים זיין.

געמיינט צו געפינען א תיקון,
נאָר מאַלע וואָס איינער דאָרט מיינט.
איצט הערט ער נישט אויף זיך צו שטיקן
און יאָמערט אין קוימען און וויינט.

ער האָט נישט געוווסט פון קיין צוימען,
געטרייסלט מיט ביימער, מיט אַלץ.
האָט איין מאָל פאַרשמעקט אים אַ קוימען —
אַריין ווי אַ ביין אין אַ האַלדז.

אין קוימען אַריין ווי א דיבוק,
נאָר וואָס איז דאָ ברייען א סך,
ער איז שוין דאָרט שטעקן געבליבן —
דאָרט — צווישן דער קיך און דעם דאַך.

די טעפּ זענען פינצטער ווי תהומען,
פאַרפולט מיט זיין יאָמערן בלויז —
אַראָפּ איז אַ ווינט אין אַ קוימען
און קען נישט אַריין, נישט אַרויס.

# אַ ווינט אַ לץ

גענוען אַמאָל אַ ווינט אַ לץ, שוין גאָרנישט קיין לאַ־יוצלח,
וואָס האָט געהאַט אַ טבע אָפּטמאָל אָפּצוטאָן נאָר שפּיצלעך.
גיי ווייס וואָס אים פּאַלט איין, דעם לץ, און גרייט זיך אָפּטאָן דאָרטן —
אָט נעמט ער זיך, דער תכשיט, צו אַ מאַנצביל אַ באַיאָרטן
און רייסט אַראָפּ זיין קאַפּעליוש פון קאָפּ און לאָזט אים לויפן.
דער מאַן קען נישט דעריאָגן אים, נישט כאַפּן בשום־אופן.
אָט שטעלט זיך אָפּ דער קאַפּעליוש און ס׳דוכט אים שוין, ער האָט אים.
דאָ נעמט ער לויפן אויף דאָס ניי און ס׳בלייבט דער מאַן אָן אָטעם.
אַ שווייס באַשלאָגט אים און ס׳איז ווייס זיין פּנים ווי אַ ציכל,
און דאָ נעמט רעגענען, צום טייוול, אויף זיין נאַקעט פּליכל,
נאָר איבער שטאָק און שטיין נאָך אַלץ דער קאַפּעליוש זיך קוילערט,
שפּרינגט־אונטער ווי אַ האָן וואָס אָקערשט האָט מען אים געקוילעט.
אַזוי טרייבט־אונטער אים דער ווינט להכעיסדיק אַלץ ווייטער. — —
אַ צווייט מאָל טוט ער אָפּ אַ שפּיצל, איז עס נאָך פאַרשייטער.
נישט בלויז אַ ווינט אַ לץ, נאָר אַ מחוצף נאָך אַ פרעכער —
דאָס קליידל ביי אַ פרוי פאַרהייבט ער הויך, אויב נישט נאָך העכער,
און ס׳ראָזע אונטערקליידל ווי אַ רויז נעמט ער צעוויקלען.
דערזעט אַ זקן דאָס אין גאַס, פאַר חידוש נעמט ער שיקלען:
געזען אַן עזות־פּנים זאָל זיך דאָס אַזוי צעווינטלען —
און כאַפּט אַראָפּ די בריל און מיט די אויגן נעמט ער פינטלען.
און ביי אַ צווייטן קערן פּשוט איבער זיך די ווייסלען
און ביי אַ דריטן הייבן פּלוצים אָן די הענט צו טרייסלען.
אָט גיט די פרוי אַ צי דאָס קלייד, פאַרשעמט, און באַלד נאָך איינעם,
נאָר שטאַרקער איז דער ווינט פון איר — צום נחת פון די זקנים,
וואָס איינער איז געוואָרן אויפן לעבן שוין קאַסאַקע — — —
אַ ווינט איז דאָס, וואָס אויף לצנות האָט ער שוין חזקה.

## עס טרעפט זיך אונטערוועגס...

עס טרעפט זיך אונטערוועגס אַמאָל, איך פּאַל אַריין
אין אַ האָטעל אַ שטעטלדיקן, אין אַן אַלטן.
כ׳וועל אפשר איין מאָל דאָ אין לעבן זיין,
איין נאַכט בלויז דאָ אין לעבן זיך פאַרהאַלטן.

אַ קרוג מיט וואַסער וואַרט. אַ האַנטעך אויף אַ שטאַנג.
געבלימטע ווענט, באַפינטלט און באַשפּרענקלט.
צום שטעטלדיקן פּלאַץ דער לאָדן גענעצט לאַנג.
דאָס טישל שאָקלט זיך, צום רומל הינקט אַ בענקל.

דער פּאַטראָן ווייזט מיר אָן אין ווינקל אַ פּאָטעל
און יחוסט זיך: דאָס איז דער סטיל פון לואי זעכצן...
דער פּליוש איז אויסגעריבן ווי אַן אַלטע פעל,
דער אָנלען וואַקלט זיך, די קרומע פיסלעך קרעכצן. —

באַלד וועט ער אין אַ וואָלקן שטויב זיך טאָן אַ הויב!
איך שעץ דעם עבר, וואָס אַן אמת, און געשיכטע
דאָס חיות האָב איך ליב, נאָר נישט איר שטויב,
די אָפּגעזעצטע שיכטן, דיקע און געדיכטע.

צי קנאָקט נישט מיט די ציינדלעך ערגעץ־ווו אַ מויז?
אַ שרעק באַפאַלט מיך ווען די שאָפע־טירן סקריפּען.
פון שפּיגל, דוכט מיר, קוקן פנימער אַרויס
פון די, וואָס האָבן דאָ געוווינט, געשטאַלטן, טיפּן.

ביים בעט, ווי אַ בעל־חי — א פעלכל, אַ דיוואַן —
ווי פון געלעגער וואָלט ער מיך צוריק געשטויסן.
כ׳הער שפּילן דעם מאַטראַץ — אַן אַלטער פּאָרטעפּיאַן,
וואָס וואַרט מען זאָל אים שוין אַרויסטראָגן אין דרויסן.

נישט גערן הייב איך אויף די קאָלדרע און איך טראַכט:
ווער איז שוין אַלץ פאַר מיר דאָ אין דעם בעט געלעגן?
און כ׳בעט אַז גיכער זאָל אַריבער שוין די נאַכט
אין דעם האָטעל אין שטעטלדיקן, אונטערוועגנס.

# אין אַ קאַפעטעריע אין ניו־יאָרק

אין קאַפעטעריע, ווו די וואַנט
שלינגט ניקלס איין און זי גיט אָפּ דערפאַר
אָראַנזש־זאַפט, קאָקאַ־קאָלאַ, ביר
און טיי, קאַפע מיט מילך און שמאַנט
און ס'רינט און שטראָמט און שטראָמט פון איר,
ווי וואַסער האָט געשטראָמט אַמאָל פון משהס שטיין —
כ'זע זיצן ביי אַ טישל איין־אַליין
אַן אַלטן און צעקנייטשטן ייד
מיט אַן אַלטן און צעקנייטשטן „פאָרווערטס".
ס'איז אַלט דער ייד און מיד
(און אויך דער גראַם שוין אַלט און מיד
און ווי אַן אַלטער ניקל אָפּגעריבן).
עס דרימלט איין דער ייד און ס'איז אים גוט
(וואָס פאַר אַ גוטס איז אים דען נאָך פאַרבליבן ?).
פון האַנט פאַלט אים אַרויס דאָס בלאַט
און גליטשט זיך אויפן דיל אַראָפּ.
איך קוק זיך צו און טראַכט : אַהאַ, מסתמא
איז ער, קיין עין־הרע, שוין מיט יאָרן זאַט !
(צי אויך אַזוי מיט שפּייז — ווער ווייס ?)
און עלנט איז ער אויף די אַלטע יאָרן.
און צו זיין ברוסט פאַלט צו זיין קאָפּ,
ווי ער וואָלט צוגעשטימט צו מיין השערה
און מיר געענטפערט מיט הסכמה.

די טישלעך שווימען אין אַ וואָלקן ציגאַרעטן־רויך,
וואָס וויל פאַרכאַפּן אים — אַ נעץ אין לויער.
אַרום אים לאַכט מען און מען פּלאַפּלט הויך.
צי נישט אַמאָל פון אים, פון זיינע אַלטע יאָרן?
און ווען ער כאַפּט זיך אויף אַ ווײַלע פון זיין דרימל
כאַפּ איך גיך אַוועק מיין קאָפּ,
ער זאָל נישט זען ווי כ׳קוק אויף אים,
ער זאָל נישט זען מיין צער און מיין באַדויער.

# א שפּיטאָל אין בראָנקס

## בעט־שכנים

די שכנים פון מיין געלעגער:
פון רעכטס אַ פּאָרטאָריקאַנער,
פון לינקס אַ נעגער.
פרעמד איז זיי מיין לשון,
נאָר נישט מיין אָכץ און קרעכץ.
פרעמד איז מיר מיין שכן,
פרעמד פון לינקס און פון רעכטס,
נאָר נישט זייער בליק פול רחמים,
דער ווייטיק וואָס עקבערט אין קנאָכן
און יעדן באַגינען ווי נאָר
זיי עפענען אויף די אויגן —
דאָס צובייגן זיך צו מיין בעט
און שעפּטשען ווי אין אַ געבעט,
קוים־קוימיק, רחמנותדיק, שטיל:
האַו דו יו פיל?

## פרימאָרגן

פרימאָרגן גייט דער דאָקטער דורך אין זאַל,
פון בעט צו בעט, לויט זיין געוווינהייט און זיין פליכט.
גייט אים גנעדיק און געהאָרכזאַם נאָך
אַ ווייסע סוויטע פון כאַלאַטן און פון הויבן.
אין זייער יעדן ווייסן פלאַטער און געפּאָך
זיך אָנכאַפּן די קראַנקע ווילן —
אין אַ ווייסע פּאָלע ווייסן גלויבן.
פון נאָך האַלבנאַכט קוקן זיי דעם דאָקטער אויס,
מער נאָך ווי דאָס ערשטע מאָרגן־ליכט.
און ווען ער שטעלט זיך אָפּ פאַר זיי אַ ווײַלע
זיי פאַרשן־נאָך זיין יעדע תנועה פון געזיכט,
זיין יעדן מינדסטן צוק און יעדן הויך,
זיין יעדן מיין באַהאַלטענעם, צי רמז.
זאָל ער זיי זאָגן כאָטש אַ וואָרט,
אפילו בלויז פאַר יוצא וועגן, מיט פאַרשטעלטן אמת,
אַחוץ : „דער קראַנקער האָפן דאַרף צו גאָט״...
אויב שאָקלט ער צו איינעם מיטן קאָפּ —
די ווייסע סוויטע זיינע שאָקלט אויך,
אויב שמייכלט ער — די ווייסע סוויטע שמייכלט אויך,
און טאָמער שווייגט ער — שווייגט די ווייסע סוויטע אויך.
וואָס מיינט דאָס שווייגן און וואָס איז עס אויסן ?
וואָס זאָגט עס אָן, נישט זאָגנדיק דערביי ?
אַרויסמאַניען, אַרויסבאַקומען ווילן די חולאים
דעם גרויסן, דעם געהיימען סוד
פון יעדן פאַלד אַרויס פון ווייסן קנויל כאַלאַטן,
וואָס שוועבט פאַרביי, פאַרביי...

## באזוך

עס קומט באַזוכן אין שפּיטאָל
אַ שוואַרצע פרוי, אַ מאַמע,
מיט אַ מיידעלע אַ שוואַרצס —
אַ קראַנקן טאַטן און אַ מאַן מסתמא.
עס האַלט דאָס שוואַרצע מיידעלע אין האַנט
אַ ווייסע ליאַלקע
און דריקט מיט ליבשאַפט זי צום האַרץ.
צי ווייל עס איז אַ שוואַרצע ליאַלקע
נישט געווען צו קויפן אין געשעפט,
צי מער נאָך: ווייל אַ שוואַרצע ליאַלקע
שטייט נישט אָן צו מאַכן דער פאַבריק,
ווי ס׳מאַכט זיך אפשר און עס טרעפט...
און אפשר, אפשר גאָר, ווער ווייס,
באַגערט דאָס שוואַרצע מיידעלע דאָס גליק
צו שפּילן זיך אין אַזאַ שפּיל:
אַ שוואַרצע מאַמע מיט אַ קינד אַ ווייס.
און טאַקע, זע! די ווייסע ליאַלקע וויל דאָך גאָר
מיט דעם שוואַרצן מיידעלע זיך שפּילן,
זי לאָזט איר צערטלען אירע גאָלדענע צעלאָזטע האָר
און זי דערלויבט איר אויסקושן דעם גאַנצן בלוי
פון אירע ברייט־צעעפנטע און גרויסע אויגן.
די ווייסע ליאַלקע איז דאָך גוט און פיין אַזוי,
זי טראָגט נישט קיין פאַרדראָס און קיין שום גאווה
אין איר האַרץ פון קליאָטשע און פון שטרוי
און מיטן שוואַרצן מיידעלע איז זי נישט ברוגז.

## אין אַ ווינקל

אין אַ ווינקל אין דעם סאַמע עק פון זאַל
עפּעס טוט זיך דאָרט אין מיטן נאַכט.
עפּעס טוט זיך.
דאָס ווינקל, וווּ עס שטייט דאָס לעצטע בעט,
באַלויכטן איז, כאָטש נעבעכדיק און שוואַך,
און מענטשן, קרובים מן־הסתם, וואָס מ׳האָט, זעט אויס,
אַרויסגערופן פּלוצים זיי אין מיטן נאַכט,
באַוועגן זיך און פּאָרען זיך אין שווייגן
און בייגן זיך אַריבער דעם געלעגער
מיט זייערע צעשראָקענע, משונהדיקע שאָטנס,
ווי זיי וואָלטן פון זיך אַליין ביים בעט אַ צוים געמאַכט,
ווי זיי וואָלטן מיט זיך געוואָלט נישט צולאָזן, פאַרשטעלן
די לעצטע, די פאַטאַלע רגע.
און ענגער ווערט ביים בעט פון שאָטנס דער געדראַנג —
אין זייער שוואַרצן פאָרהאַנג נישט, חלילה, לאָזן
די מינדעסטע שפּאַרונע.
גאָט מיינער, צי האָב איך שוין קיין בעסערס נישט געפונען
ווי קוקן דאָרט אַהין אין אָט דער שפּעטער שעה
וווּ ס׳ראַנגלט זיך דער ד אָ מיט דעם נ י ש ט אָ,
וווּ מענטש ווערט באַלד אויס מענטש,
און קראַנקער ווערט אויס קראַנק,
און ס׳וועט פון שאָטנס דאָרטן לויזער ווערן דער געדראַנג.
דאָס בעט וועט נאָכדעם ווערן ליידיק, פריי,
צומאָרגנס וועט מען איבערציען עס אויפסניי
מיט פרישן ליילעך און מיט פרישער ציך.
גאָט מיינער, לאָז טיפער איינגראָבן מיין קאָפּ אין קישן,
כ׳זאָל בעסער נאָך דערפילן מיין געלעגער אונטער זיך...

## מיין קראַנקן־שוועסטער

שוירלי, שוואַרצער מלאך,
שוירלי, קראַנקן־שוועסטער מיינע,
קענסט הייסן קראַנקן־מאַמע גריילעך;
וואָס גיסט מיר אַלץ און דו פון מיר ווילסט גאָרנישט;
וואָס בייטסט מיר יעדן טאָג דאָס ליילעך
און וויקלסט מיך אין אים,
ווי ס׳האָט מיין מאַמע מיך געוויקלט אין די ערשטע ווינדלען;
וואָס וואַשסט מיר איין מיין לייב מיט אַלקאָהאָל
אַזש כ׳ווער פאַרשיכורט און דער קאָפּ נעמט שווינדלען
פון אים און די פאַרפומען דיינע פאַראַמאָל.
שוירלי, איך האָב עפּעס ערשט אַנטפּלעקט אין דיר,
וואָס כ׳וואָלט עס בלויז דער פּען און דעם פּאַפּיר פאַרטרויט:
דייך שוואַרצע הויט מאַכט ווייסער דיין כאַלאַט,
די ווייסקייט פון כאַלאַט מאַכט שוואַרצער נאָך דיין הויט,
און אַז דו קענסט אָוועקנעמען פון טישל אַלע פּילן,
ווייל מיט דיין שמייכל בלויז פון דיינע ראָזע ליפּן
און פון די ווייסע בלענדנדיקע ציין
ביסטו מסוגל מיינע ווייטיקן צו שטילן.

## אַ פֿאַרוואונדעטער אויף אַ באַוועג־שטול

מ׳האָט געבראַנגט אין שפּיטאָל אַ גענגסטער
מיט אַ דורכגעשאָסענעם בלוטנדיקן פֿוס.
צוליב אים אַ געזונטער פּאָליסמאַן מוז
פֿאַרברענגען דאָ זײַן צײַט די סאַמע לענגסטע,
שעהען־לאַנג זיצן אין לאַנגווײַל בײַם טיש און גענעצן פֿויל,
כסדר מעלה־גירהן עפּעס, מאַכן מיטן מויל,
צום פֿטרן די צײַט, צערײַבן זי מיט זײַנע פֿעסטע ציין,
און שפּילן אין קאָרטן מיט זיך אַליין,
געווינער און פֿאַרשפּילער זײַן אַליין באין־ברירה.

מ׳האָט אַרויסגענומען פֿונעם גענגסטערס פֿוס די קויל,
ווי די שאַרפֿע שטעכעדיקע קער פֿון אַ פּרי.
איצט פֿאָרט ער שוין אַרום אויף אַ שטול אין זאַל,
האָט פֿאַר יעדן בעט אַ „גוד מאָרנינג" און „גוד באַי".
דער פֿוס איז פֿאַרמויערט און פֿאַרהעמערט מיט גיפּס
און ווײַס איז ער, ווי אַן אבר פֿון אַ מענטש פֿון שניי.
מיט יעדן טאָג פֿאָרט ער גיכער מיט זײַן שטול,
דער גאַנצער זאַל אַרום איז מיט אים פֿול.
ווי נאָר ער וועט קענען שטיין אויף די פֿיס
וועט ער שטיין פֿאַרן משפּט צו יעדע רגע.
מען וועט אים אויסטאָן דעם גיפּס און אים אָנטאָן אַ קייט.
דערווײַל ווערט ער געהיילט און פֿאַרזען מיט גוטע פֿלעגע,
אַז ער זאָל קענען טראָגן די קייט געזונטערהייט
הינטער שלאָס און ריגל אין אַ תּפֿיסה־קאַמער ערגעץ.
און מיט יעדן טאָג ווערט אים בעסער, נאָר ער ווייסט:
וואָס מער עס ווערט אים בעסער, ווערט אים ערגער.

# די פּיל

ס׳פּילעכל וואָס יעדן אָוונט,
פּינקטלעך אין דער זעלבער צייט,
ברענגט מיר צו די קראַנקן־שוועסטער
מיטן ליבן ווונטש: „גוד נאַיט״,
אויף אַ טעלערל און גלאָז,
ווי זי וואָלט דערלאַנגט מיר כּיבוד,
שבת־אויבס, צי ווייס איך וואָס.
בסך־הכּל איז עס גרויס
ווי אַן אַרבעסל, אַ קערל,
וואָס קען סטייען פֿאַר אַ שפּערל
אויפֿן ערשטן פֿרישטיק בלויז.
דאָך ווי קליין עס זאָל נישט זיין,
ווען ס׳דערלאַנגט עס מיר די שוועסטער,
מיטן ליבן ווונטש: „גוד נאַיט״,
איז דאָס פּילעכל דאָס קליינע
גרויס פֿאַר מיר אַזוי, מיר דאַכט.
ס׳ברענגט מיר צו אַ גלאָז מיט פֿרייד,
ס׳ברענגט מיר צו די פּיל פּלאַים,
צוזאָג, רואיקייט און האָפֿן,
גלויבן אויף אַ גאַנצע נאַכט.

ס׳פּילעכל וואָס יעדן אָוונט
ברענגט מיר צו די קראַנקן־שוועסטער,
בסך־הכּל איז עס גרויס
ווי דאָס חן־גריבל ביי איר
אין דער פֿרישער ראָזער באַק.
און אַ סבֿרה אַז פֿון דאָרטן
נעמט זי עס פֿאַר מיר אַרויס.

# טוליפּאַנען

ס׳האָט עמעצער מיר היינט געשיקט
אַ בינטל רויטע טוליפּאַנען.
איך האָב זיי אויף מיין טישעלע אַוועקגעשטעלט,
דערפרישט מיט וואַסער האָב איך זיי, דערקוויקט.
און זיי מיך אויך —
מיט זייער בונטער פלאַמיקער קאָליר.
ווי צום פּאַרטרויען זיך,
ווי צו אַ ווידוי —
זיי האָבן זיך געעפנט מיטאַמאָל פאַר מיר.
איך אויך אַזוי פאַר זיי.
ווי שעפּטשענדיק אַ סוד,
זיי האָבן שטיל צו מיר זיך צוגעבויגן
(איך אויך אַזוי צו זיי)
און לאַנג אַריינגעקוקט מיר אין די אויגן
מיט זייער ליכטיקייט, מיט זייער גנאָד.
און פּלוצים האָב איך זיי דערזען
אין זייער גורל־שעה פון וויאַנען.
איך רוף די שוועסטער: גיכער, וואַסער, וואַסער!
הגם איך וויים, עס וועלן זיי נישט העלפן
אפילו גאַנצע אָקעאַנען.
איך בעט דיך, שוועסטער, נעם זיי צו פון דאַנען,
שוין די רגע!
כ׳האָב מורא, שוועסטער,
איך וועל נישט קענען קוקן ווי זיי וויאַנען! — —
און צו די שכנותדיקע בעטן
צעוואַרף איך זיי, צעשליידער זיי.
און כ׳זע זיי ליגן אויף דער ווייסקייט פון געלעגערס,
ווי פלעקן בלוט אין שניי.

## ביינאַכט אין שפּיטאָל־זאַל

ביינאַכט איז פֿול דער זאַל מיט שאָטנס און מיט פּחדים.
ס׳באַפֿאַלט אַן אימה די חולאים ווי אַ פּלאָג.
מיט ביינערדיקע פֿינגער קלאַפּט דער טויט אין לאָדן.
אוי, זאָל שוין ווערן טאָג!

די קראַנקע זעען אין די שאָטנס: שרעק־געשטאַלטן שפּעטן,
ס׳קען בלויז דאָס ליכט אין זאַל זיי געבן אַ צעיאָג.
נאָר ס׳הערשט אַ טונקלעניש אַרום און ס׳בעטן זיך די בעטן:
אוי, זאָל שוין ווערן טאָג!

מען נעמט זיך מער מיט קאָלדרעס און מיט ליילעכער פֿאַרדעקן,
מען זאָל נישט הערן אייגענע און אויך נישט יענעמס קלאָג;
אין זיך אַריין אַנטרינען פֿון דער נאַכט און אירע שרעקן.
אוי, זאָל שוין ווערן טאָג!

דער קראַנקן־וועכטער וועקט זיך בלויז פֿון דרימל אין זיין אָפּיס
ווען ס׳קלינגען פֿונעם טעלעפֿאָן גיט הויך זיך אַ צעטראָג
און ס׳פֿאַלט אַראָפּ זיין בלאַט אויף דר׳ערד מיט אַלע קאַטאַסטראָפֿעס.
אוי, זאָל שוין ווערן טאָג!

קיין הילף. דער דאָקטער וועט נישט איצט פֿאַרבייגיין מיט זיין סוויטע
ווען יעדנס יאוש וויגט זיך אין דער נאַכט ווי אויף אַ וואָג
און ס׳ווערט מגולגל דער מאַטראַץ פֿון חולה אין אַ מיטה.
אוי, זאָל שוין ווערן טאָג!

דאָס רוקן זיך פֿאַמעלעך פֿונעם זייגער וואָס איז אויסן?
ווען וועט שוין מיט געוועק דאָס מאָרגן־גלעקל טאָן אַ שלאָג?
אַריין זאָלן די קראַנקן־שוועסטערס מיט אַ ווינט פֿון דרויסן.
אוי, זאָל שוין ווערן טאָג!

ניו־יאָרק — פּאַריז, 1962־72

# די פאַרשוווּנדענע וועלט
# פון טלאָמאַצקע 13

## די בין־השמשותדיקע שאָטנס...

די בין־השמשותדיקע שאָטנס פון טלאָמאַצקע דרייצן.
די צייט האָט זייער זכר נישט פאַר מיר פאַרווישט.
זיי דרינגען מיינע ווענט אַדורך און ווילן מיך פאַרפלייצן
און ס׳ווערט מיין שאָטן אויך מיט זיי פאַרשפּונען, אויסגעמישט.

נישט נייטיק שפּאַלטן ווענט, איך עפן ברייט פאַר זיי די טירן,
און ווי ביי טישלעך דאָרט אַמאָל, כ׳פאַרבעט זיי צו מיין טיש.
כאָטש קידער־ווידערדיק מען פלעגט וויכוחים האַרבע פירן —
מען האָט געטיילט זיך מיטן גייסט און ברויט, מיט יעדן קריש.

איצט איז געבליבן זיך צו טיילן בלויז מיט דער דערמאָנונג,
אַז נישט לאיבוד גיין עס זאָל דער מינדסטער פּרט און שטריך
פון יענעם בילד, וואָס שטייט פאַר מיינע אויגן ווי אַ מאָנונג
און אומעטום ווי אַ קמיע טראָג איך עס מיט זיך.

כ׳האָב היינט ביינאַכט פאַר זיי געעפנט מיינע טירן,
ווי ס׳פלעגט אין סדר־נאַכט מיין מאַמע עפענען די טיר —
אין חצות די נישט־פאַרענדיקטע וויכוחים צו דערפירן.
און זייער חותם לייגט זיך אויף מיין טיש, אויף מיין פּאַפּיר.

## איך שלעפּ אַהין אַ גאַנצן באַרג...

איך שלעפּ אַהין אַ גאַנצן באַרג
אויף מיינע פּלייצעס — שטיין און ציגל
און ליים און טינק און אייזנוואַרג
און פענצטער־ראַמען, שלאָס און ריגל.

כ׳וועל אויפשטעלן דאָס הויז צוריק,
דעם היכל פון די שיינע יאָרן.
מחשבות — רושטאָוואַניע־שטריק,
און פונדאַמענטן — דער זכרון.

כ׳וועל מיט מיין פען — דער קעלניע — מילד
דעם טינק פאַרגלעטן, לייכט באַרירן,
און שלום אָפּגעבן דער שילד
און אַלע קליאַמקעס פון די טירן.

די שויבן — פון מיין בליק צעבלענדט,
צעבלויען וועלן זיך, צעגרינען.
צעהענגען וועל איך אויף די ווענט
די יחוסדיקע גאָבעלינען. —

פּרוכתן אין פאָרכט געשטיקט
פון צאַרטע סאַמעטן און פּליושן,
און יעדע צויט, שוין לאַנג צעפּליקט,
כ׳וועל צונאָגלען מיט מיינע קושן.

כ׳שטויב אָפּ די בילדער און הענג אויף
די אַלטע היימישע גראַוויורן
און תיכף רוף איך זיי צונויף,
די אומעטיקע טרובאַדורן.

צום חנוכת־הבית היינט
וואָס שושקען זיי זיך אין די ווינקלען ?
דער וויין איז גרייט, די לוסטרע שיינט,
נאָר אין די כוסות טרערן פינקלען.

## דער מוזיקער מ. שניאור אין בין־השמשות

פאַרנאַכט. פון פזשעיאַזד־זייט, צי פון דער לעש,
דרינגט דורך אַ שקיעה־אָפּשיין די גאַרדינען,
זי פאַלט פון פענצטער ווי צעגאָסן מעש
און מער באַגילדט זי די באַגילדטע גאָבעלינען.

אין בין־השמשות הערט מען שפּילן דעם קלאַוויר.
דאָס האָט זיך אויפגעכאַפּט פון דרימל שניאור.
די הענט — בלויז אומרו, פלאַטער און באַריר.
זיי שטייגן ליכטיק, ווי די הענט פון זייער.

בלויז הענט און פינגער איז דער דיריגענט
אין אָט די רגעס ווען ער שפּילט אַ דולער.
די שפּיל — דאָס וועקט ער זיך אַליין מיט זיינע הענט,
פאַר זיין נישט איינשלאָפן אויפסניי — אַ סגולה.

ער בייגט זיך איבער דעם קלאַוויר און צוקט
און ס׳בייגט זיך אויך און צוקט דער שאָטן שניאורס.
ווו האָבן זיינע קלאַנגען און אויף וועלכן ברוק
אַוועקגעקאַלערט זיך ווי אָרעמע מטבעות?

אָפּט מאָל נאָך קום איך זוכן דעם קלאַוויר
דאָרט צווישן בראָכוואַרג, שטיין, צעקרימטע דראָטן.
אַז ער זאָל איין מאָל שפּילן נאָך פאַר מיר —
כ׳וועל ברענגען אים אַ שטערן צו די נאָטן.

ער זאָל אים צולייכטן ווי קאַנדעלאַבערע־שײַן,
און כ׳וועל פּאַר אים די נאָטן איבערמישן.
נאָר עמעצער האָט פון קלאַוויר די ציין
צעבראָכן, אויסגעהאַקט אים — די קלאַווישן.

און אַ צעקלאַפּטער האָט ער אויסגעברענט,
מיט ווענט און טרעפּ — אין שריפות אויסגעגאַנגען.
נאָר ס׳זוכן אַלץ די פינגער פונעם דיריגענט —
די נישט־פאַרברענטע ווײַנענדיקע קלאַנגען.

## אויף טלאָמאַצקע הינטערן אויוון

אויף וועקן פלעגט פון דרימל דער קלאַוויר
דעם אַלטן זאַקס, דעם רוסיש־איבערזעצער,
וואָס זיצן פלעגט אַליין ביים אויוון, ביי דער טיר —
דאָס בעסטע פלאַץ ביי אים פון אַלע פלעצער.

ס'איז ווינטער און אויך זומער דאָ זיין שטענדיק פלאַץ.
ער זיצט אין אַלטן מאַנטל איינגעוורעט
און טוליעט זיך צום אויוון, ווי די קאַץ,
און קוקט, ווי זי, מיט אויגן שמאָל־פאַרזשמורעט.

אַ גרויסער דרימלער אין פאַראיין, דער אַלטער זאַקס,
מ'האָט אים, נאָך שניאורן, דאָס צווייטע אָרט געגעבן.
זיין פנים גרוילעך־געל — געמיש פון ערד און וואַקס.
זיין פייקע בלויז אין מויל — אַ פונק פון לעבן.

און ווען ער טשוכעט זיך פון דרימל, פון זיין רו,
ער קלאַפּט מיט איר אין טונקלעניש פון אָוונט.
דאָס קלאַפּט ער זיך אין טישל מיט זיין פייקע צו
צום טאַקט פון פושקינען און לערמאַנטאָוון.

געדענקען פלעגט ער יעדע שורה, יעדן זאַץ,
און דעקלאַמירן אַלע לידער אויסנווייניק,
פאַר קיינעם נישט, פאַר זיך אַליין און פאַר דער קאַץ,
און צופּויקן אין טישל מיט אַ פינגער בייניק.

שוין לאַנג צעלייגט דער אויוון און צעשטערט די רו
ווען אַלץ האָט אַ געווירבל דאָרט צעדראָשן.
פֿאַרלאָשן לאַנג זיין פּייקע, ווייסט דען עמעץ ווו ?
און ער אַליין, ווו האָט ער זיך פֿאַרלאָשן ?

# הערשעלע

אַ קייבערל באַוויזט זיך אין דער טיר
און נאָכדעם ער אַליין בכבודו ובעצמו.
אוי, הערשעלע, צי שפּאַסן שאָטנס נאָך פון דיר
און אין די ווינקלען פאַר געלעכטער פּלאַצט מען ?

פאַרלאָשן האָט זיך נאָך נישט פאַר מיין בליק
זיין שמייכעלע אי קינדיש, אי בטלניש.
ער צאַפּלט אין געפלעכט פון דער קערבעדזשער בריק —
אַ מייזעלע אין פּולאַפּקע — אַרויס מער קאָן נישט.

דאָס איילט ער זיך פון הענריקאָוו דעם כרך,
דעם ווייב אַ ביסל סחורה קויפן פאַרן קרעמל.
דער קאָפּ איז פול מיט זאָרג און ליידיק איז די פאַך —
קיין הערינג נישט, קיין נאָפט און נישט קיין זעמל.

דאָס ווייב זיינס וואַרט אים אָפּ שוין פאַר דער טיר,
עס וואַרטן שוין אויף אים די פּוסטע פאַכן.
אַ קייבערל מיט גראַמען ברענגט ער איר,
כאָטש נעם און שטעל זיך פון די גראַמען שבת מאַכן.

אויף אַלע אירע שונאים אַזאַ גליק ! —
ער צאַפּלט זיך אין קלעם דאָרט פון איר שרייען,
ווי אין געפלעכט פון דער קערבעדזשער בריק.
וואָס גיכער וויל ער דאָ שוין ביי די טישלעך שמייען.

דאָ האָט מען מעשׂיות זיך פון אים דערציילט
און דאָרט איז פּוסט און הערינגדיק און גרוילעך.
דאָ, אויף טלאָמאַצקע, האָט ער אַלעמען פאַרווײלט
מיט גאָרנישט, בלויז מיט זיין געשטאַלט און זיין הולך.

דאָס רעקל אויף זיין גופל, לאַנג און ברייט,
איז אויסגעוואַקסן־שלאַבעריק אויף אים געלעגן,
דער שניפּס מיט גלאַנץ אַמאָליקן נאָך שרייט
מיט פראַנטישקייט געשענקטער פון קאָלעגן.

צעפלויגן טראָגט ער די קראַוואַטן, אומגעשיקט,
ווי ער וואָלט זיך מיט זיי געשעמט, געוואָרגן.
כאָטש נעם און פלעכט זיך אויס פון זיי אַ שטריק,
אַ פרעמדע שטריק פאַר אייגענע און שווערע זאָרגן.

נאָר אין דער פרעמדער טאַש איז אייגנס דאָ — זיין גאָב.
ווי אַ קמיע טראָגט ער דאָס פאַר זיינעטוועגן —
זיין לידער־העפטל, וואָס ער היט עס שטענדיק אָפּ —
זיין רייכע אָרעמקייט — דאָס אָרעמע פאַרמעגן.

## ז. סעגאַלאָוויטש

טאָג־טעגלעך האָט ער דאָ זיך אין פאַראיין געיאָוועט
און שאָטנדיק אַדורך, מ׳האָט גיין אים קוים געהערט.
מיט קיינעם נישט גערעדט און זעלטן זיך געחברט,
ווי ס׳וואָלט אין מויל די ליולקע רעדן אים געשטערט.

ווי ער וואָלט קיינמאָל נישט געקענט מיט איר זיך שיידן.
אַן אבער צובאַהעפט צו אים — האָט זיך געדאַכט.
פון מויל זי נישט אַרויסגענומען קיינמאָל, סיידן
צום עסן, טרינקען, אָדער שלאָפן גיין ביינאַכט.

געדאַכט האָט זיך, זי שטערט אים טאָן אַ שמייכל,
צי ענטפערן גוטמאָרגן וועמען אין פאַראיין.
געדאַרפט האָט ער דעם זאָל פאַר זיך אַליין — אַ היכל,
צו זיצן אייביק־איינזאַם בלויז מיט זיך אַליין.

פון איינזאַמקייט האָט ער געהאַלטן און פון רויזן.
אַ בלום איז שיין — נאָך שענער אין אַ האַנט.
אין שניפס די שפּילקע, פּריש געפּרעסט די הויזן,
און שטייף, ווי ער אַליין, זאָל זיין דער קאַנט.

ער שלייכט אַדורך די גאַס — אַ טונקל־גרויע כמאַרע,
אַ כמאַרע מיט מחשבות און מיט עלעגאַנץ.
גאַנץ אָפט געפילט, מען קוקט אים נאָך, מען מאַכט אַ וואַרע,
צינדט אָן אין בליק ביי פרויען אַ התלהבות־גלאַנץ.

אַ שמייכל ווערט ביי אים צעקוועטשט אין אַ גרימאַסע
און די הנאה ווערט מגולגל גלייך אין ווײ —
יאָ, טאַקע, ס׳קוקן אים די לעזער נאָך, די מאַסע,
נאָר ס׳זעען אים נישט פון דער פּען די פּני...

געהאַט זיין אָרט אין בין־השמשות ווו צו זיצן,
ווי ס׳האָט זיין „שטאָט" אַ ייד אַ פרומער אין גאָטס הויז,
דערוויטערט פון די שטאָמגעסט, קולות, חכמות, וויצן,
און טראַכטן שעהען־לאַנג און פּיפּקען, פּיפּקען בלויז.

ווו קומט אַהין די שעה, דער טאָג און די מעת־לעתן?
אַלץ לייזט זיך אויף, ווי פון דער ליולקע ס׳ביסל רויך.
ער קוקט אַרויס, נאָר פון אַ שרעק איז ער באַזעסן
פאַר די, וואָס איילן דאָרט און טומלען, שרייען הויך.

מיט נעגל און מיט שפּאַנען רייסט מען זיך ווי הענער.
עס שרעקט אים בלוט און ס׳שרייען פון המון.
די יונגעץ אויף דער גאַס מיט קולות און מיט פענער,
זיי ווען אים פון קאָפּ אַראָפּרייסן די קרוין.

אַראָפּרייסן די קרוין און מיטן קאָפּ צוזאַמען
פאַר איינוועגס שוין... נאָר בעסער ווען אים זיין
נישט טראַכטן מער דערפון אין זיינע דלד אמות,
זיך מער פאַרטוליען, אין זיין ווינקעלע אַריין.

לעת־עתה איז אים גוט אין זיך אַליין אַנטרינען
און קוקן ווי דאָס בלויע רויכל קרייזט און שוועבט.
חלומות, בענקשאַפט נעמט אים דער שלשלת שפּינען.
די ליולקע ברענט — דאָס מיינט, אַז ער איז דאָ, ער לעבט.

## די שעה פון גשמיות

אַ טונקלער איינגאַנג וואָס ער פּירט אין קיך —
פּאַטאַ־מאָרגאַנאַ פון טלאָמאַצקע דרייצן.
נישט איינעם לאָקט, אין חלום, רופט צו זיך,
נאָר די געשמאַקע ריחות, וואָרהאַפּטיק, אים רייצן.

אין איינגאַנג ווייזט זיך אָפּט דער קעלנער און די קאַץ,
ס׳איז דאָרט, אין קיך, איר וויזיע פון פּראָוויזיע.
דער קעלנער טראָגט אַרויס פון דאָרט אַ פולע טאַץ.
אַ נאַטור־מאָרט: געבראָטנס, צימעס, ברויט, געמיזע.

באַשטעלונגען פאַרשרייבט ער פלינק אַ סך,
כאָטש אַלץ געניאַל געדענקט ער אויסנווייניק,
דער איינציקער וואָס שרייבט דאָ צו דער זאַך.
ער ווייסט וואָס יעדער עסט, ווער מער, ווער — ווייניק.

לאָזט דינען אייך, איך ווייס דאָך וואָס אייך שמעקט —
זאָגט ער — און גלויבט מיר, איך קען בעסער אייער מאָגן,
כ׳ווייס בעסער וואָס איר טאָרט נישט, וואָס איר מעגט.
איך הייס אייך — עסט! מער קען איך אייך נישט זאָגן.

ער ווייסט, ביי זיי וועט אים נישט אָפּגיין גלאָט,
זיי קענען מיט דער פּען אים געבן אַ באַפּאַטשקע.
אָט דער, וואָס קאָטשקעס שטעלט ער צו אין בלאָט
און עסט פאַר דעם אַן אמתע, געשמאַקע קאַטשקע.

די קעכין מאַניע אויך אַמאָל באַווייזט זיך גיך,
האָט ליב צו קוקן אויף די שרייבאַרעס, די עסערס,
שעפּט נחת ווען מען לויבט דאָס עסן פון איר קיך.
פון שבחים פאַר איר קאָכן איז נישטאָ קיין בעסערס.

זי האָט הנאה אַז עס שמעקט איר גוט געקעכטס.
זי שפּיגלט זיך אין אירע טעפּ, די קעכין מאַניע,
און אָפּט איר נאָמען הערט זי דאָ אויף לינקס און רעכטס,
נאָר עפּעס, דוכט זיך איר, פאַרענדערט: גראַפאַ־מאַניע...

וואָס מיינט דער גראַפאָ? נישט אַמאָל פאַר איר אַ לויב?
זי שעמט זיך, וואָס אַן אמת, דאָס גאָר איבערפרעגן.
איז גראַפאָ־שמאַפאָ, מילא, — מאַך זיך בעסער טויב,
ווייל צריך געשמועסט, וואָס איז עס איר אַזוי געלעגן?

## שמעון האַראַנטשיק

אין מײַנע שורות, זע איך, שטופּט ער זיך אַרײַן,
ווי אין דער טיר אַמאָל — פאַרקײַלעכיקט־מגושם.
אין ערשטן זאָל פאַרבלײַבט ער ווי אַן אורח שטײַן,
געקלײדט פאַרבאַבלט, ווי אַ שנײַמענטש אין מלבושים.

נאָר שטאָט אַ בעזעם — האַלט אַ פלעשעלע מיט יאָד,
וואָס זײַן פאַרדראָס האָט ער געפּרוּווט דערמיט פאַרברענען...
איצט האַלט ער עס ווי ער וואָלט אַלעמען געדראָט
אויב ס׳וועט אים דאָ טלאָמאַצקע גלײַך נישט אַנערקענען...

ער קומט אַמאָל פון זשאָליבאָזש, דער הינטערשטאָט,
דעם ביי־פאַרבויטן גרינעם קוואַרטל פון פּאָליאַקן.
דאָ הערט ער כאָטש אַ יידיש וואָרט, געלויבט צו גאָט,
און קען עס זאָגן פרײַ און טרײַסלען מיט די באַקן.

ער זיצט ביי זיך אין זשאָליבאָזש פאַרמאַכט, אַלײן,
און הערט פון קאָליש דעם גערויש פון די מאַשינען.
דאָ זעט מען אים פון ערשטן זאָל נישט ווײַטער גײן,
ווי ס׳וואָלט אים ס׳גאָלד געשראָקן פון די גאָבעלינען.

דאָ הענגט זײַן צײכענונג, אין פּאָליש, אויף דער וואַנט,
מיט אַנדערע באַקאַנטע, חשובע קאָלעגן.
אַ זכיה, נאָר שאַרזשירט... וווּ זעט מען זײַן טאַלאַנט ?...
האָט ער אַזעלכע אויערן ? — מבינים וועט ער פרעגן.

און כאַפּעדיק ער פֿרעגט ביי יענעם און ביי דעם,
ווי ער וואָלט עפּעס קאָכעדיקס אין מויל געהאַלטן.
אָט צוקט ער מיט אַן אויג און ציטערט מיט אַ ברעם,
און ס׳פּאַלט אַראָפּ זיין ליפּ צום שאַליק און צום פּאַלטן.

צי ווייסט מען כאָטש ווען נישט דער קוטנער, שלום אַש,
גאַנץ פּוילן וואָלט געוויס געקלונגען מיט זיין נאָמען... —
פֿון חכמה און ידיעות קומט ער געבן דאָ אַ נאַש:
וואָס הערט מען אין דער וועלט? ווען קומען צו מלחמה?

ווייל יעדע נאַכט פֿאַר איר ער ציטערט ווי אַ בלאַט,
אַריינגעדרייט אין אירע רעדערציין און וואַלצן...
דערווייל זוכט ער אַ גאָרקיך און אַ מיטיק צו דער זאַט,
געשמאַק און גוט און ביליק און ס׳זאָל זיין געזאַלצן... — —

וו איז ער דאָרט? פֿאַרלוירן האָב איך אים פֿון בליק —
פֿאַרלוירן גייט ער ערגעץ אויף די וואָגל־וועגן.
אין רויכן ווערן זיי פֿאַרלוירן אויך — דערשטיקט.
ביי קיינעם דאַרף ער אויף מלחמה שוין נישט פֿרעגן.

פֿאַרקלעמט אין אירע קלעשטשעס, רעדערצאָן און וואַלץ,
ס׳האָט ערגעץ־ווו אַ טאַנקן־קייט זיין שפּור צעריבן.
און ווי נאָך הילף — צום חלף שטרעקט ער אויס דעם האַלדז —
די מורא פֿאַרן טויט האָט אים צום טויט געטריבן.

ס׳איז נישט ווי מיטן פּלעשל יאָד — ער דראָט נישט בלויז.
אַליין דער קרבן און דער קרבן־ברענגער איצטער.
דאָס מאָל קיין מלאך פֿליט פֿון הימל נישט אַרויס —
דאָס מעסער אָנצוכאַפּן, ס׳גרייטע און צעבליצטע.

## ישראל שטערן

ער זעט נישט קיינעם, נאָר ווער האָט אויף אים פּאַראיבל ?
ער שלעפּט דעם גוף, ווי ער וואָלט אים געווען אַ לאַסט.
פון וואַנען קומט ער ? פון אַ מנין אין אַ שטיבל ?
ער האָט אַ ליד פאַרפאַסט ? צי אפשר גאָר געפּאַסט ?

און אפשר האָט ער ביידע גאָר געטאָן אינאיינעם —
פאַרפאַסנדיק געפּאַסט און פאַסטנדיק פאַרפאַסט.
נאָר ס׳ליד זיינס און זיין הונגער ברענגט ער דאָ נישט קיינעם.
ביים ראַנד פון טישלעך איז ער דאָ נישט קיינעמס גאַסט.

ער שלייכט זיך דורך און קיינער וועט אים נישט פאַרהאַלטן
און ער פאַרהאַלט אויך קיינעם נישט אין זאַל.
אַ צויט אים שלעפּט זיך נאָך פון שלומפּערדיקן פאַלטן.
קען זיין, דאָס איז פון ליכט פון געטלעכן אַ שטראַל,

און שטערן — די באַשפּריצטע בלאָטע־שטיקלעך הינטן,
אויף זיינע פּאָלעס, לאַנג שוין זיי נישט אָפּגעווישט.
ווו האָט ער זיך געשלעפּט אין רעגנס און אין ווינטן
און ווו האָט ער גענעכטיקט, ווו האָט ער געטישט ?

דער קאָפּעליוש פאַרפעצט, נאָר די מחשבה לויטער
פון דיכטער, זעער, פּייטן, פילאָזאָף,
און ס׳ליד זיינס אויף מבינות בלויז פאַר גאָט פאַרטרויט ער
אין זיינע דלד אמות — אין אין־סוף.

מיט קיינעם רעדט ער נישט און ס׳רעדט מיט אים נישט קיינער.
ער רעדט מיט זיך, דאָס מיינט, ער רעדט מיט גאָט.
מיט גאָט — דאָס מיינט מיט זיך, אַליין, נאָך מער — אַליינער,
און גאָט מיינט וועלט און קיינער נישט, פאַרהויל און סוד.

וויכּוחים אַרום אים פאַרטשעפּען זיך, פאַרקניפּן.
וואָס גייט אים אָן? אַלץ נישטיקייט, אים דוכט.
און פון די אָפּגעלענטע מורמלענדיקע ליפּן
אַ שורה פאַלט אַראָפּ, ווי פון אַ צווייג אַ פרוכט.

דאָ איז ער אין זיין רוחניות — אין זיין ממשות.
דער גוף איז שווער — נאָר גרינג איז דאָס געמיט —
ווען ער דערשלעפּט צו מזרח אים אין בין־השמשות —
זיין ליד איז תפילה — תפילה איז זיין ליד.

## די עסטראַדע

אין היכל איז אַ קדשי־קדשים פֿאַראַנען
(נאָך היינט זיין אָפּשיין ווי אַ זכיה פֿאַלט אויף מיר),
אין אויבנאָן, ווו די עסטראַדע איז געשטאַנען,
ביים איינגאַנג פֿון אַ צימערל און דעם קלאַוויר.

ווו פֿרץ לאָזט פֿון קיינעם נישט אַראָפּ די אויגן
און פֿון פּאָרטרעט זיין בליק נעמט אַלעמען אַדורך;
ער שטייט און רעדט, איבער אַן אָפֿן בוך געבויגן,
ווי עפּעס וואָלט ער דאָרט געדרונגען פֿון דעם בוך.

די בימה איז פֿאַרדעקט מיט פֿראָסטן טוך אַלטמאָדיש,
נאָר יעדער פֿראַנדז — אַ שטראָל פֿון אָפּגעבליאַקטן פּליוש,
ווי ס׳איז פֿאַרדעקט אַ שולחן אין אַ מקום־קדוש,
ווו באַלד וועט עמעצער דעם ספֿר טאָן אַ קוש,

ווו ס׳איז פֿאַרטריפֿט מיט חלב און מיט הייסע טרערן
און וואָס מיט גבֿורה היטן לייבן זאַלבעצווייט.
אַזויפֿיל שטימען פֿלעגט מען ביי דעם טיש דאָרט הערן,
אַזויפֿיל נאָענטע שטימען — שוין פֿאַרקלונגען ווייט.

אין דעם גערויש פֿון שטעט, פֿאַרטויבנדיקן, שווערן,
כ׳פּרוביר נישט איין מאָל אָנשטעלן נאָך מיין געהער —
אַ וויטן אָפּקלאַנג אפֿשר וועל איך נאָך דערהערן
פֿון יענע שטימען וואָס איך הער זיי שוין נישט מער.

און אויך מיין יונגע שטים פון מיינע יונגע יאָרן
וואָס אויפגעקלונגען דאָרט האָט מונטערדיק און פריש.
און ווי די ברעטער פון אַ טייערן, אַ נאָענטן אָרון,
די ברעטער ריר איך איצטער אָן פון יענעם טיש.

## חיים סעמיאַטיצקי

איך וויל דערמאָנען איצטער חיים סעמיאַטיצקין,
אַ נאָמען וואָס פאַרוואַקסן ווערט מיט מאָך.
דאָ אויפגעשיינט, פאַרגאַנגען, ווי אַ בליץ קען
באַווייזן זיך, פאַרגיין און גאָרנישט בלייבט דערנאָך.

איך וויל פון דער פאַרגעסעניש די ווילדע גרעזער
אַראָפּרייסן פון אים כאָטש עטלעכע מינוט.
ער הייסט דאָ אַ פּאָעט אַ רעליגיעזער,
וואָס אויך מיט אַפּיקורסים איז ער פריינטלעך, גוט.

ער זאָגט פאַר זיי אַ ליד און וואַרט אויף דער הסכּמה,
ער זאָגט עס פון זכּרון, האַלט נישט פון פּאַפּיר.
די אויגן רויט באַזיימט, ווי פון טראַכאָמע,
נאָר גוט איז ווען זיי קוקן מילד אַזוי אויף דיר.

ווי לעבט ער און ער וווינט? מען ווייסט פון דעם גאַנץ ווייניק.
מען זאָגט, ער נעכטיקט ערגעץ אין אַ קראָם.
אויף איבער נאַכט פאַרמאַכט מען אים פון אויסנווייניק,
פאַרשלאָסן פון דער וועלט, פאַרזונקען אין אַ תּהום.

ער שלאָפט פאַר היטן דאָס געוועלבל פאַר גנבים,
און היטנדיק ער שלאָפט און שלאָפנדיק ער היט.
נאָר וואָס אַן אמת איז ער וואַך און יעדן אָוונט
אין חשכות וויינט ער אויס זיין תּפילה־ליד.

צומאָרגנס ווען די קראָם ווערט אויפגעשלאָסן
דערזעט ער ווי אַ נס די ערשטע מאָרגן־שיין,
שאַרט אָפּ פון זיך די נאַכט און ביטערע פאַרדראָסן
און לאָזט זיך איבער וואַרשע גיין, גאַס־אויס, גאַס־איין,

באַווייזט זיך אין פאַראיין נאָך דאַוונען מיט השכמה,
רוימט איין דאָס נייע ליד קאָלעגן ווי אַ סוד.
און אין די אויגן רויטלעכע ווי פון טראַכאָמע
עס שפּיגלט זיך דער אָפּשיין פון „אחד".

## צוויי סילועטן...

צוויי סילועטן זיצן ביי אַ טישל און זיי שווייגן
אין שפּעטן אָוונט שעהען־לאַנג. שוין, דוכט, אַ לעבן־לאַנג.
די קעפּ, פאַרקלערט איבערן שאַכברעט, זינקען שווער און דאגהן.
און מיט קיין פינגער רירן זיי נישט, מאַכן נישט קיין גאַנג.

אַרום די שפּילער שטייט און קוקט זיך צו אַן עדה עדות,
אַריינגעצויגן אין דער שפּיל און אייפער פון די צוויי.
די ליפּן צוגעשלאָסן. שטומקייט. גיי באַנעם, פאַרשטיי דאָס.
שוין קאַלט געוואָרן זענען אויפן טיש די גלעזער טיי.

די קאָץ וואָס איז, יש אומרים, פאַר דער קעכין די רעקלאַמע,
זי דרייט זיך ביים בופעט און זי איז פעט פונעם בופעט,
כאָטש ליב האָט זי צו נישטערן ווו נאָר אַ לאָך, אַ יאַמע,
זי בייגט זיך ווי אַ פאָדקאָווע און גענעצט לאַנג: ס׳איז שפּעט...

ס׳איז שפּעט. די שאַטנס פון די שפּילער זעט מען אַלץ געבויגן.
די צייט רוקט אַן מיט אותיות יידישע פון ציפערבלאַט.
פון ברענענדיקן זייגער זענען זיי אַרויסגעפלויגן.
און ביי די שפּילער אויפן שאַכברעט איז שוין לאַנג שאַכמאַט.

מיט רוגזה האָט אַ האַנט אַמאָל צעשליידערט די פיגורן,
נאָר אויף מיין טיש איך זע זיי אַלץ — אויף אייביק אויסגעשטעלט.
פאַרשטיינערטע זיי שטייען דאָ אַן מינדסטע פינגער־שפּורן,
פון קיינעם נישט געוועקט, ווי טויטע קריגער אויפן פעלד.

נאָך בייגן זיך די שאָטנס פון די שפּילער, זע איך, ביידע,
ביים שאַכברעט אויף מיין טיש, פאַרגליווערט, שטאַר און קיל,
און פון די שטייערס, עדות אַרום זיי, דער גאַנצער עדה,
איך איינער קוק זיך איצטער צו צו דער פאַרשפּילטער שפּיל.

## איציק מאַנגער

דער מאַנטל אָנגעהאָנגען, שטראָמיק פּאַלט אַראָפּ.
פאַרדרייטע, אָן אַ קאַנט, צעוויכערטע די הויזן.
פון שוואַרצן הוט אַפּער, פאַררוקטן אויפן קאָפּ,
פאַרפּלאָנטערט שפּאַרן זיך אַפּער די ווילדע קרויזן.

פון זיין צעפּראַל פּאַלט האַסטיק צו די טיר
און ס׳ציטערט דער פּאַרקעט פון שפּאַן פון זיין צערעשטן.
נישט איין מאָל גייט ער דאָרטן אויף אַזוי פּאַר מיר
פון עבר דעם פאַרקוילטן און פאַראַשטן.

ס׳באַגלייט אים דער הוזאַר, דער בעש״ט און דער מאָנאַך,
נאָר אים דעריאָגן ווער קען זיין אַ בעלן?
געברענגט האָט ער די שטערן פון אַ טשערנאָוויצער דאַך
און צו זיין ראָק זיי צוגעשפּיליעט ווי מעדאַלן.

די פינגער שוואַרץ, פון תנועות שאַרף און קרום,
נאָר ס׳שיטן זיך פון זיי בשפעדיק די שטערן.
צעשליידערט האָט ער זיי אין גאַנג דאָ אומעטום,
ווי ס׳שליידערט ברייט דער זייער זיינע קערן.

די זאַנג איז מעל און שטרוי — דאָס ווייסט מען וווּל.
חוץ ברויט איז אויך פאַראַן פון שטרוי דער שטרויכל.
עס שיט זיך פּעך און פּערל פון זיין מויל,
נאָר פאַר די פּערל איז מען אַלץ אים מוחל.

דעם טיש מיט זיצערס פריילעך טרייבט ער אָן,
און זיי, מיט שרעק און ליוב פאַר אים — ל׳אָנפּאַן טעריבל.
אָט האָט ער עמעצן אַן עוולה דאָרטן אָפּגעטאָן
און גיך פאַרמאַכט מען אים אין אַ באַזונדער שטיבל.

נאָר ער, ווי קען ער ערגעץ אָפּגעזונדערט זיין
וווּ ס׳בולבעט נאָר אַ פלאַש און ס׳וויינט אין אים די דאָינע;
כל־זמן ס׳איז דאָ די בענקשאַפט און דאָס גלעזל וויין —
עס זאָל נישט וויסן קיינמאָל פון דעם טעם קיין שונא.

באַגלייך אין קרומען אַפּל בליצן ביי אים אויף
די טרער פון פיין, דער שפּאַס און דער קאַטאָוועס
און אַ לצנותל מיט הערשעלע פון העגריקאָוו
און הערשעלע פון אָסטראָפּאָליע און די אָבות.

אים נעמט מען ווי אַ קינד צום שלאָפן צערטלעך איין,
אַ תכשיט אַ צעשטיפטן און פאַרנאַשטן.
נאָר אויף להכעיס אַ הלצה פאַלט אים פלוצים איין —
און שטעלט זיך ביי אַ טישל און איז משתין.

די קאַץ קומט צו, ווישט אויס דעם הילצערנעם פּאַרקעט
און מיט די פּיסעלעך פאַרשרייבט די גאָלדענע באַלאַדע.
און פרץ קוקט אַראָפּ פון וואַנט, פון זיין פּאָרטרעט,
פון קדשי־קדשים אין זאַל — פון דער עסטראַדע.

## ש. בערלינסקי

גאָר אָפּט האָט מען געזען אים אין פּאַראַיין
מיט העפטן און כתבֿ־ידן אין די טאַשן,
און שטענדיק מיט אַ בוך אין האַנט — מיט זיינס.
און אין דער בוזעמטאַש — אַ בריוו פֿון שלום אַשן.

ער פּלעגט אים ווי א צייגעניש באַווייזן גיך
און היטן אים, ער זאָל זיך נישט צערייבן,
און ווי אַ טאַליסמאַן געטראָגן אים מיט זיך,
אַז ער זאָל זיין אַ סגולה אים צום גוטן שרייבן.

דאָס קאָפּעליושל פּלאַטשיק, מאַט־פֿאַרשוואַרצט,
נאָר לעבעדיק דער גלאַנץ פֿון זיינע אויגן.
די אויבער־ליפּ אַרויף, אַ דיקלעכע פֿאַרשאַרצט,
ווי ס׳וואָלט אַ בין אין איר זיך איינגעזויגן.

פֿון לאָדזש, פֿון באַלוט איז ער איינמאָל דאָ אַרייך,
מיט חכמות, ווערטלעך און לצנות איבערראַשן,
און טראָגט זיך שטענדיק מיט אַ בוך אַרום — מיט זיינס,
און ווי די ליפּ — געשוואָלן פֿון פּאַפּיר די טאַשן.

געדונגען האָט ער זיך אַ בעטל אין אַ קיך
(מגולגל אין אַ טיש בייטאָג איז עס געוואָרן).
גאַנץ פֿרי געמוזט די סטאַנציע פֿאַרלאָזן גיך,
נאָך איידער ס׳הייבט זיך אָן די באַלעבאָסטע פֿאָרען.

איז קומט ער פון די ערשטע אין פֿאַראײַן און ס׳דאַכט,
נישט אויסגעוואַשן נאָך דעם חלום פון די אויגן.
אַ טעמע, ווי אַ מלאך, האָט באַוויזן זיך די נאַכט
און אַ פֿאַרבענקטע צו זײַן פֿעדער זיך געצויגן.

ס׳איז גראָד דאָס טישל אין דער קיך געווען אַ בעט
(ווי ס׳ווערט, געוויינלעך, יעדן אָוונט, אגב אורחא),
נאָר ס׳לאָזט נישט איינשלאָפֿן די טעמע, מאָנט זיך, בעט,
און גיט אים יעדעס מאָל אַ טאָרע און אַ שטורכע.

פון סאַמעט אויף זײַן קעלנערל אַוועק דער גלאַנץ,
נאָר נישט פון בליק פון אַ פּקח, פון אַ חכם,
און נישט דער הונגער־גלי וואָס אין זײַן אויג פֿאַרשאַנצט,
אַ הונגער־גלי אַ שטענדיקער נאָך ברויט און שבחים.

דערפֿאַר האָט ער זיך אָן זײַן ספֿר נישט גערירט.
אַ נייע ערע מיט זײַן בוך האָט זיך געעפֿנט.
אַ צרה האָט אַמאָל אין לאָדזש מיט אים פּאַסירט —
צי פֿאַר, צי נאָכן בוך האָט דאָס געקענט זיך טרעפֿן?...

## אפרים קאַגאַנאָווסקי

געווען איז ער נישט פון די זיצערס אין פאַראיין
און נישט פון די פאַרזויערטע בטלנים־שווייגער.
אין אַ געזעמל האָט ער ליב געהאַט צו שטיין —
ער איינער נישט קיין זאָרגער, נישט קיין דאגהער.

על רגל אחת פלעגט ער רעדן שטייענדיקערהייט,
דערציילן מעשיות פון אָדעס און פון דער סטאַווקע.
איין מעשה פלעכט די אַנדערע, פאַרהעקלט זיי מיט רייד.
ס'זאָל עמעצער אַריינשטופּן אַ וואָרט — לאוו דווקא.

בלויז אים האָט יעדער איינער אויסהערן געמוזט
און צובאָמקען און שאָקלען מיטן קאָפּ און שווייגן.
אַלץ וואָס ער האָט געדענקט און וואָס ער האָט געוווסט —
וואָס פאַר אַ נחת אויסצולאָדן, אַלץ אַרויסצולייגן.

געטראָגן דעם קאַשקעט אַ ביסל אין אַ זייט.
פּאַצעט און ווילער יונג, פאַרליבטער און באַהעמע,
און פויל, נאָר ווי אַ חלף רוקט זיך צו די צייט —
איין זאָרג: אויף שבת דאַרף מען פאַרן בלאַט אַ טעמע...

געפּעכלט און געגלאַנצט האָט ער פון קאָפּ ביז פיס.
די פּעכיק־שוואַרצע האָר פאַרגלעט, ווי אויסגעצוואָגן,
און די געפּאַסטע שטיוועלעך — ווי גוט און זיס
אין זיי איז אויף גאַטס וועלטל זיך צו טראָגן!

זיך שפּיגלען פלעגט די וועלט אין זייער גלאַנץ און גלאַט
ווען דורכגיין פלעגט ער דאָ, נישט גיין — נאָר שוועבן.
דאָס לעבן האָט געשמייכלט און אים ליב געהאַט,
ווי ער געשמייכלט האָט און ליב געהאַט דאָס לעבן.

דאָ האָט ער נישט, אין זאַל, געגעסן, נאָר גערעדט,
שטאָט גאָפּל־מעסער — עמעצן געהאַלטן פאַר די קלאַפּעס.
קיין יויך פון טעלער שעפּט ער נישט, נאָר נחת ווען ער זעט
עס שטייען אַרום אים אַ בינטל הערערס, גאַפּעס.

דאָס קענט איר? — און אַ נייע סדרה גייט אַוועק
פון שטאַרקע, מעסער־שטעכער פון דער מאַלדאַוואַנקע,
פון פאַסערס אויף דער סטאַווקע, און אזוי אַלץ אָן אַן עק,
ביז אים גיט נישט אַ שלעפּ זיין געלבלעך־בלאָנדע האַנקע.

פון אים דערציילט מען אויך, ווען מ׳איז פון אים שוין פריי,
ווי פּרצן האָט ער געפירט אין קנייפּעס און צו מיידן.
האָט פּרץ אים דערפאַר אַריינגעפירט אין שרייבעריי,
ער זאָל זיך האַלטן שוין דערמיט אין ליידן און אין פריידן.

ווי גוט געווען איז מיט די פריידן — און די ליידן אויך — —
ווו איז די סטאַווקע איצט און דזשיקע? — דאָרטן האָבן
בנינים שפּאָגל־נייע שוין זיך אויפגעהויבן הויך.
ס׳ליגט אונטער זיי זיין וועלט — און אונטערוועלט — באַגראָבן.

אויף זייערע געביינען ציכטיקט און עס בלאַנקט.
עס בלענדן שויבן מיט קאָלירן פונעם רעגנבויגן.
דער גלאַנץ פון זיינע שטיוועלעך האָט דאָרטן אויסגעצאַנקט
און אויסגעצאַנקט האָט אונטער זיי דער גלאַנץ פון זיינע אויגן.

## די ליידיקע שטולן

מען טראָגט אַרויס די טישלעך און מען טראָגט אַריין
אויף זייער אָרט אין זאַל אַ שלל מיט שטולן.
ס׳איז היינט פון „וואָרט און ליד״ אַן אָוונט אין פאַראיין.
ביז לעצטן שטייפלאָץ וועט מען אים פאַרפולן.

מען טראָגט זיי אָן, מען הויפּט זיי אָן אַ באַרג, אַ שטויס,
די אָנלענס און די פיס פאַרפּלאָנטערט, גאַנצע מענגעס.
מען ציט זיי אַלץ פון ערגעץ, פון דער קיך אַרויס,
ווי ס׳ציט אַרויס פון האַלדז אַ קונצן־מאַכער סטענגעס.

מיט ווינט און בלאָטע רייסט זיך היינט אַריין די גאַס
און שפּיגלט זיך אין גלאַנציקן פּאַרקעט און גלאָטן.
מען קומט אַרויפקוקן מיט אָפּשיי צום פּאַרנאַס
און שוין אין איינוועגס אָנקוקן די ליטעראַטן...

און אין אַ זייטיק צימערל איז אַ געדראַנג.
די גאַרדעראָבע דאָרטן האַלט אַ יונגער דיכטער,
נעמט אָפּ מלבושים און הענגט־אויף זיי אויף אַ שטאַנג —
געשפּענסטער אַרום אים וואָס ווערן אַלץ געדיכטער.

ער שרייבט נומערן און ער שרייבט דערביי אַ ליד.
אָט גיט ער, שטאָט אַ נומער, עמעצן אַ שורה...
„וואָס גיט איר מיר דאָ פאַר מיין מאַנטל, הע, ר׳ ייד?״ —
כאָטש גיב זיך אין אַ ראָק פאַר בושה אַ פאַרנורע. — —

אַט שטייען שוין די רייען שטולן אויסגעשטעלט.
בשכנות איינע ביי דער צווייטער, אָן מחיצות.
אַ זכיה איז פֿאַר זיי, פֿאַר נחת יעדע קוועלט,
צו טראָגן די געשעצטע אָונט־געסט, די זיצערס.

„מען קען שוין אָנהייבן!" — קלינגט אָפּ דאָס גלעקל לאַנג —
נאָר ליידיק בלייבט דער זאַל מיט אויפגעפּראַלטע טירן
און אַלע שטולן ליידיק — אין מיין שרעק און אַנגסט.
פון אונטער זייער באַרג איך קען זיך מער נישט רירן.

כ׳ליג אונטער זייער משא דאָרט פאַרשפּאַרט, פאַרקלעמט,
פון ספיקות און פון פרעגעגישן כ׳וועל צעשפּאָלטן:
צו שטיין אַזוי אָן זיצערס וועל האָט זיי פאַרשעמט
און מיט בית־עולמדיקער ליידיקייט פאַרשאָלטן?

„קיין אָונט וועט נישט זיין, מען גיט צוריק דאָס געלט!" —
כ׳הער מעלדן די קאַסירשע, פּאַני געבעראָווע. — — —
די שטולן־אַנלענס ווי מצבות אויסגעשטעלט
אויף דעם בית־עולם פון מיין זעאונג, מיין מחשבה.

# דאָקטאָר מיזעס

פון צייט צו צייט פלעגט ער באַווייזן זיך אין טיר
אין בגדי־מלכות פון ראַבינער און פּולקאָווניק,
מיט שטאָלץ אַדורכשפּאַנען דעם זאַל אין זיין מונדיר,
אַליין און פאַר־זיך — אַ מונדירטער למד־וואָווניק.

פאַרזשמורעט פלעגט ער קוקן זייטיק לינקס און רעכטס
אויף די, וואָס אין די ווינקלען חכמהן זיך און וויצלען,
נישט טועם זיין, חלילה, פון דעם טריפהנעם געקעכץ,
די ציבעלעס מיט שמאַלץ, דעם קלאָפּס, די ווינער שניצלען.

דער איינציקער איז ער דאָ מיט זיין גאַנג און וואָג
און איינציק מיט זיין טונקל־גרוי לאָפּאַטע־בערדל,
געפלעגט ווי אַ וואַזאַן, באַגאָסן יעדן טאָג:
דער איינציקער וואָס טראָגט דאָ שטאָט אַ פּען אַ שווערדל.

אַריינכאַפּן פלעגט ער זיך אין אַ שבת אינדערפרי.
מ'האָט נישט געוווּסט פאַר וואָס, נאָר ווען פלעגט עס אַרן ?
וואָס אַרט עס, גייט אַרום דאָ איינער פון נישט הי.
צי קומט ער איצט פון שיל, צי גאָר פון די קאַשאַרן ?

פאַר זיינע גלויבנס־ברידער האָט ער זיך געמיט,
זיי זאָלן האָבן ערגעץ שבת וווּ צו האַלטן,
נישט דאַרפן עסן פונעם קעסל, גאָט באַהיט,
און טראָגן אונטערן מונדיר אַ לייבצודאַק באַהאַלטן.

דער מלכותדיקער הוט פּאַרריסן אויף זיין קאָפּ
מיט גילדענעם גאַלאָן, געדרייט ווי אַ שלשלת.
אָט שפּרינגט דאָס ווייסע אָדלערל פון אים אַראָפּ
און פליט אַרום צעדולט און פּיקט אין אַלע טעלערס.

וואָס טוט ער דאָ? וואָס ציט עס אים אַזוי אַהער,
אַרומצוגיין דאָ צווישן די בטלנים, יאָלדן?
צי איז אים ס׳גאָבעליגעץ־גאָלד דאָ ליבער מער
ווי ס׳גאָלד פון זיינע עפּאָלעטן, בענדלעך, טראָלדן?

צי האָט אַ טויכער שוין דערגרייכט פון האַרץ דעם דנאָ
און וואָס אונטערן לעפעלע זיך דאָרט פאַרוואַלגערט?
וואָס איינעם גיט אַ צופּ אין בין־השמשותדיקער שעה,
פאַרגייט, ווי כריין אין נאָז, די נאָגעניש, נאָסטאַלגיע?

אָט בלייבט ער ביי דעם פּרץ־בילד אַ ווײַלע שטיין,
ווי ער וואָלט זיך מתוודה זיין, זיך עפּעס מאָנען.
אָט וועט ער אויסרופן מיט אים: זאָל שבת זיין!
הבדלה מאַכט ער נישט ביים ליכט פון די גאַלאָנען!

## אַברהם פּאָליוואַ

געזיכטער, וואָס די צייט וויל זיי פאַרווישן,
און נעמען, וואָס מיט ערד שוין לאַנג פאַרשאָטן יעדער.
כ׳וועל נאָך אַ בלאַט פון ספר הזכרון איבערמישן
און ווי אַ רידל, אויסגראָבן וועט זיי מיין פעדער,

פון בית־הקברות פון פאַרגעסעניש זיי עקסהומירן,
וואָס האָבן נישט געהאַט קיין קבורה און קיין שבעה.
כ׳וועל פון צעפּאָלעניש דעם שטויב פון זיי באַרירן.
און צווישן זיי — דעם זכר פון אַברהם פּאָליוואַ.

אַ נאָמען, ווער וועט זיך אַמאָל צו אים דערביוזען?
ווער האָט פון אים געהערט? ווער וועט פון אים נאָך הערן?
און ווער דערמאָנט זיך נאָך דעם אויסזען פון פּאָליוועןן?
אַ טויבער. אַן אַסקעט. אַ פּנים פון וואָלטערן.

אַ שרייבער און לאַטוטניק, פען און נאָדל־פאָדעם.
אויף מילאַ־גאַס אַ שטיבל אויפן לעצטן גאָרן.
אַ שרייב, אַ ניי. און שפּאָגל־ניי געמאַכט פון אַלט בגדים.
פרעסט הויזן פאַר די צייטונגס־לייט און רעדאַקטאָרן.

ס׳איז פול דאָס שטיבל מיט כתב־ידן און מיט שמאַטעס,
צעטרענטע פאָלעס און מיט ריחות דומפּיק־זויער.
אין האַרץ די דאגות, די באַגייסטערונג און פּאַטאָס,
און אויף דער פאָך: אַ בייגל, קאַנט און שאָפּענהויער,

גאַנץ טוביה און אַ האַלבער הערינג. לאַכט און קוויקט זיך
וואָס די הראָמאַדע קען נישט נאָכזאָגן דעם וחלקלקות.
ער שטשאָבעט, קאָרעגירט, מאַכט איבער, ווי ס'געשיקט זיך,
זיין אייביקן כתב־יד: „דער אויפשטאַנד פון ספּאַרטאַקוס".

כתב־ידן זעט מען אָפּט אויף זיין מאַשינדל „זינגער",
מען טרויט אים נישט דערפאַר קיין נייעם שטאָף, געוואַנטן.
פּרעסט הויזן, ווייזט אויף קאַנטס אַ ספר מיט אַ פינגער
און דריקט דאָס אייזן, חכמעט זיך: „איך האַלט פון קאַנטן..."

איין מאָל, ביים פּרעסן גראָד באַדאַרף ער אַ ציטאַטע,
ער זוכט, געפינט נישט, רעגט זיך אויף און צאָרנט.
געשטאַנען איז דאָס אייזן אויף אַ הויז לעת-עתה
און שיר נישט אויסגעברענט אַ לאָך אין סאַמע פאָרנט.

אַ בראָך! אַוועקגעוואָרפן גיך אי קאַנטן, אי שפינאָזען.
ער וועט נאָך אַ פּאָר הויזן דאַרפן אָפּקויפן דעם קונה!
געריבן ס'אָרט מיט וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזן,
מען זאָל דעם אָנהייב פונעם לאָך נישט אָנזען, ס'ברוינע.

דערנאָך אַוועקגעטראָגן ס'„שטיקל" אויף טלאָמאַצקע,
דאָס צוגעזונקטע אָרט פאַרדעקט מיט מאַנוסקריפּטן.
ס'האָט אָפּגעגליקט! די הויזן האָבן דאָרט געשיינט — אַ צאַצקע,
ווי ער, מיט פען און נאָדל — אין איין גורל אַ פאַרקניפּטן.

אַ בייגל וועט שוין ליגן צווישן קאַנט און שאָפּענהויער.
ער זוכט אַ ווינקל ווייט פון טומל, שפּאָט און ביטול
און אַ קאָלעגע וואָס זאָל וועלן צולייגן אַן אויער —
פון זיין „ספּאַרטאַקוס" אויסהערן אַ ניי קאַפּיטל.

## משה שימעל

אויף יידיש פלעגט ער זיך מיט משה אונטערשרייבן,
פאַר גויים גוייש חתמענען: מאָוריצי.
נאָר סיי־ווי פלעגט עס ציען אים אַהער און טרייבן,
ווי צו אַ מקום־מקלט, שעהען־לאַנג דאָ זיצן.

דאָ האָט ער פויליש־יידישער פּאָעט געהייסן,
אַ שותפות וואָס האָט קיינעם נישט געאַרט לחלוטין.
אין שטעקשיך גייט אַרום זיין ליד, קאָלעגן ווייסן.
זאָל זיין זיין נאָמען היינט דערמאָנט אין ליד צום גוטן.

אַליין געזעסן אין אַ ווינקל אָפּגעזונדערט,
בלויז מיט זיין ווייב — אַן אָפּגעזונדערטע בת־מלכה.
געקוקט אויף איר און אויף דער וועלט האָט ער פאַרוווּנדערט
מיט זיינע גרויסע בלויע אויגן פון אַ ליאַלקע.

ווען ריחות וועפּן אויס פון יויכן און פון גריצן
און ס'שאָטענען אין זאַל פאַרנאַכטיקע געשטאַלטן,
ווי שיין עס איז צו זען פאַרטוליעטע זיי זיצן, —
אַ טויבן־פּאָר אין טויבנשלאַק מיט זייער גליק באַהאַלטן.

און שעהען־לאַנג מען שוויגט. וואָס דאַרף די ליבע ווערטער?
האָט מאַן־און־ווייב שוין אויסגערעדט פון אַלץ און אַלע?
דערמאָנט שוין אַלע שיינע לאַנג־פאַרברענגטע ערטער?
מ'איז בלויז פון צייט צו צייט אַ „ניין" און „יאָ" מגלה.

װוּ האָט געטראָפֿן אים דער הוראַגאַן דער װילדער
אין סאַמע מיטן װעג פֿון לעבן, ליד און חלום,
פֿאַרקײַקלט זיך אין תּהום זײַן בלאָנדער קאָפּ דער מילדער ?
נאָך זע איך היינט אין זאַל בײַם טיש װי אַמאָל אים —

מיט נאָך אַ קאָפּ... מען זיצט, מען קוקט זיך אין די אויגן.
בלוי־אויגיק ער און זי און בלוי מיט בלוי זיך קרייצן,
זיך שפּיגלען, װי דער ים און הימל, אָנגעבויגן.
דערמאָן איך זי — דעם שיר־השירים פֿון טלאָמאַצקע דרייצן.

# איך האָב געשלעפּט אַ גאַנצן באַרג...

איך האָב געשלעפּט אַהין אַ גאַנצן באַרג
פון שטיינער, ציגל, אייזנוואַרג און חומר.
געברענגט אויפסניי צו טראָגן, אויף מיין קאַרק,
די שיינע היים פון מיינע ברידער טרוימער.

אויך זיי געברענגט פון אומעטום אַהין.
געפירט צום היכל, מקלט און אכסניה
כ'האָב איינעם פון בית־עולם פון ברוקלין,
געפירט אַ צווייטן פון בית־עולם באַניע.

אַ דריטן פון טרעבלינקער יאָמערטאָל,
אַ פערטן פון צעשטערטע בונקער־נאַרעס,
אַ פינפטן פון בית־עלמין קרית־שאול
אַ זעקסטן פון דעם געגנשער בית־הקברות.

און אויך פון דעם, וואָס האָט נישט קיין אַדרעס,
וואָס קיין בן־אדם האָט אים נישט געפונען —
בית־עולם אָן אַ קרקע, אָן אַ מת.
פון שורות כ'האָב תכריכים אים געשפּונען...

אויך אַנדערע האָב איך פון אַלע עקן וועלט
געפירט אין בלינדע נעכט, אין חצותן טיפע.
אין הויז, וואָס איך האָב ווידער אויפגעשטעלט,
פאַרבעטן האָב איך זיי אויף אַן אסיפה.

דעם עבר אָפּצוטרייסלען און דעם טויט,
מיר דאַכט, איך הער ס׳איז גוזר זיי אַ בת־קול,
די ביינער אָנצוטאָן אויפסניי מיט הויט,
ווי אָנגעטאָן די ביינער ס׳האָט יחזקאל.

כ׳האָב זיי דערקענט פון קול און פון געזיכט
(קיין שטריך פאַרענדערט האָבן נישט די יאָרן).
געזען כ׳האָב יעדן מיט זיין שאָטן, מיט זיין ליכט.
און זייער שאָטן איז אויך ליכט געוואָרן.

זיי זיצן ביז אין שפּעטער טיפער נאַכט,
כאָטש לאַנג שוין, לאַנג איז דער לאָקאַל געשלאָסן,
פאַרלאָשן ס׳ליכט און ס׳טויער צוגעמאַכט —
נאָר יעדער מיט זיין אייגן ליכט באַגאָסן.

# סאָנעטן

## געבוירן ווערט אַ מענטש...

געבוירן ווערט אַ מענטש — אין פריידן, צי אין ליידן —
ער ווערט פאַרשריבן אין די ביכער פונעם אַמט,
פון וועלכן יחוס און פון וועלכער שטאָט ער שטאַמט,
און קריגט אַ נאָמען נאָך אַ באָבען צי אַ זיידן.

פאַר דעם איז ער דאָ נישט געווען מיליאָנען יאָרן
און וועט מיליאָנען יאָרן נאָכדעם אויך נישט זיין,
צוריק וועט ער אין דער נישטאָיקייט אַריין,
פון לעבנס־בוך פאַרמעקט, פון ספר־הזכרון.

און צווישן דער נישטאָיקייט און יענער
איז בלויז אַ פּויזע, פון אַן אויגנבליק נאָך קלענער —
זיין לעבן — וואָס אַ רגע בלויז באַשטייט.

נאָר דאָס וועט ער נישט תופס זיין און נישט באַנעמען
און זיינע זיבן צענדליק יאָרן וועט ער נעמען
פאַר זיין אומענדלעכקייט — אַ קייט פון אייביקייט.

## ווי קליין עס איז דאָס אויג...

ווי קליין עס איז דאָס אויג און ס׳נעמט אַריין אַ וועלט.
וואָס זעט עס אַלץ נישט אין דעם קורצן דויער?
פון קלענסטן ווערעמל ביז צו דעם אומגעהויער,
די שטעט און גאַסן אויף דער ערד צעשטעלט.

וואָס איז אין קליינעם אויג נישט איינגעפּאַסט? —
פון גאָטס באַשאַף און מענטשן־מי און פּראַצע,
פון אָקעאַנען, שלעסער, וואָלקן־קראַצער,
די אַלטע טורעמס און אויך טורמעס וואָס מען האַסט.

ס׳איז גאָרנישט פּאַר דעם קליינעם אויג צו גרויס,
אויף טויזנט יאָר צו זען אים פעלט נישט אויס
מרחקים, וועגן, טייכן, בערג אוןביימער,

און אוצרות גאַנצע שליסט עס אין־זיך איין,
ביז צוגעשלאָסן ווערט דאָס אויג אַליין
און אַלץ פאַרשווינדט אין חשכות אין געהיימער.

## דאָס אַלץ...

דאָס אַלץ, דאָס אַלץ וואָס אויף דער ערד איז נאָר פֿאַראַנען —
די ערד, ווו בלויז מיר זענען דורכגייער און געסט —
די וועלדער, טייכן, בריקן, שלעסער, וואָס דו זעסט,
די הייזער ווו מיר וווינען און די וועגן ווו מיר שפּאַנען,

דאָס ברויט אין שפּייכלער און אין היכל די קדושה —
דעם גאַנצן האָב־און־גוטס פֿון מענטשלעכן באַשאַף,
אין קיין צוואה נישט פֿאַרשריבן, אין קיין כּתב —
אונדז האָבן דורות דאָס געלאָזן בירושה.

אַלץ וואָס זיי האָבן אָנגעטראָגן אויפֿן קאַרק,
געבויט דעם הויכן טורעם און געפֿלאַנצט דעם פּאַרק,
געפּרעסט פֿאַר אונדז דעם ווײַן, געפֿלעגט די גראָזן —

ווען קומען וועט די שעה זאָל אונדז נישט זײַן קיין שאָד:
מיר וועלן דאַרפֿן, אָן שום טענות, נאָר מיט גנאָד,
דאָס אַלץ, דאָס אַלץ פֿאַר אַנדערע אויך איבערלאָזן.

## אַלטע לייט

נאָך מיטאָג זעט מען זיי אין טומלדיקן גאָרטן.
ווי פייגל אויף אַ שטאַנג, זיי זיצן אויף די בענק.
זיי רעדן וועגן אַלטע מיחושן און קרענק,
ווי קינדער שפּילן זיך אין מלכות — פון די קאָרטן.

די בענק, ווי שיפלעך, זענען אויפן ים געשווומען.
פאַראַנקערט האָבן זיי אין פּאָרט פון דעם אַמאָל.
— געדענקט איר, ווי ס'איז אַלץ געווען בזיל־הזול ?...
— דער סו געווען אַ סו. מ'האָט אַלץ פאַר אים באַקומען...

מען קוקט אַריין אין בלאַט, מען זאָל די צייט פאַרטרייבן.
נאָר דו, אָ, צייט, פאַרטרייב זיי נישט פון דיר — האָב צייט ! —
און לאָז מיט חסד אין דיין רייסטער זיי נאָך בלייבן.

אין שעה פון חמימה דרייט מען אויס די באַנק צום שאָטן,
נאָר פייקעס פּיפּקען זיי — פאַרקוקטע ערגעץ ווייט —
הגם דער דאָקטער האָט בפירוש דאָס פאַרבאָטן.

# דאָס אַלטע פּאָרפּאָלק

אָט זע איך דורך מיין פענצטער צוגעבויגן גיין
אַן אַלט פּאָרפּאָלק, ווי איין געשטאַלט פון צוויי געשטאַלטן,
און וואַרעם אָנגעטאָן אוןביידע שירעמס האַלטן,
כאָטש ס׳איז דאָס וועטער זוניק, מילד אַזוי און שיין.

דאָס האָבן זיך אַזוי די אַלטע אָנגעטאָן,
די שירעמס מיטגענומען ווי עס מאַכט זיך, טאָמער...
פאַרטרויען האָבן זיי נישט אין דער זון מסתמא,
ווי אין די רייד פון מענטשן וואָס זיי טרעפן אָן.

די קאַץ, וואָס וואַרעמט זיך אַ פוילע אויף דער שוועל,
געריכטע, ליבלעך גלעטן זיי איר ווייכע פעל.
אַחוץ דער קאַץ, דעם הונט — מער האָבן זיי נישט קיינעם.

זיי גייען, איינער אָן דעם צווייטן אָנגעשפּאַרט,
און מיט געטריישאַפט האַלטן זיי זיך אונטער צאַרט —
פאַר ליבע? שוואַכקייט? זיקנה? — צי פאַר אַלץ אינאיינעם?

## דער טויט פון א זקנה

אין איר פּאָטעל, פאַרלאָזן, אָן משפּחה־קרייז,
איז ווי אַ הינדעלע די זקנה איינגעשלאָפן.
ס׳קאַנאַריקל אין שטייגל שפּרינגט: וואָס האָט געטראָפן? —
און ס׳בייסט אַ דראָט — וואָס גיט מען נישט אַריין קיין שפּייז?...

אַ קנויל פון וואָל און שפּיזלעך ליגן אין איר שויס.
צופוסנס איר — די קאַץ, מיט אויגן גרין־פאַרגלאָזטע.
זי מיאַוקעט, שרייט פאַר הונגער אויף דער באַלעבאָסטע —
וואָס שטעלט זי נישט קיין טעלערל מיט פליש אַרויס?...

זי רייסט און דראַפּעט זי און כאַפּט די קנויל פון שויס —
געזען אַ מויז וואָס וויקלט זיך און לאָזט זיך אויס! —
און ס׳שרייט איר מויל אָן אָפּנס, רויט־צעפלאַקערט,

פאַרדרייט די טויטע מיט דער קנויל, ווי אַ געפלעכט.
מער קיינער איז נישטאָ אין הויז צו טאָן איר רעכט.
דער אַלטער זייגער בלויז אויפן קאַמין טיק־טאַקעט.

# באַגלייט

כ׳האָב היינט זיך אומגעקערט אַהיים פון אַ לוויה.
מ׳האָט איינציקווייז געַנומען פון בית־עולם גיין.
דעם טויטן האָבן סוף־כל־סוף געלאָזט אליין
אַפילו די מלווים נאָענטסטע, געטרייע.

כ׳זע, יעדער, שפּאַנענדיק, אין זיך אַריינגעטאָן איז,
און מיר פאַרגעסן ווילט זיך די לוויה גיך. —
דערזע איך דאָ די קבר־ערד אויף מיינע שיך,
וואָס האָט זיך צוגעקלעפּט און האַלט זיך מיט עקשנות.

און גייענדיק אין גאַס, דערמאָנט זי אַלץ כסדר...
דערזע איך נאָך: געפאַלן איז אויף מיינע קליידער
פון אַ בית־עולמדיקן שטאָם דער גרינער מאָך.

די קבורה לאָזט נישט אָפּ און האַלט מיך, ווי אין צוואַנגען.
אָט בין איך נאָר־וואָס די לוויה נאָכגעגאַנגען
און איצט, אָן אויפהער, גייט מיר די לוויה נאָך.

## בית־עולם אין אַפּריל

בית־עולם אין אַפּריל. אַט גיט זיך אַ צעעפן
דאָס קבר און דער קנאָספּ — אין גלייכער צייט.
דער רידל אָנגעשפּאַרט ביי אַ מצבה שטייט,
און זון־ליכט שפּיגלט זיך אין אים און בלענדט — אַ שפּע.

ביים קבר אָפּענעם אַ שטים האָט זיך צעתּפילהט —
אַ טרויער־ניגון ביי די ראַנדן פון דער נאַכט,
און איבער אים, ווי עמעצער וואָלט זיך צעלאַכט,
אַ פויגל אויבן, אויף אַ צווייג, האָט זיך צעטרילעט.

מיט ווייסן צוויט איז דער בית־עולם אָפּגעשאָטן
און ליכט אַזויפיל פּלייצט און פאַלט אין גרוב אַריין.
דער קרייז באַגלייטערס בלויז — דער שאָטן פון דער שיין.

דורך דעם געשלאָסענעם פּיל־שאָטנדיקן שאָטן,
מיט דער אלמנהס שוואַרצן טוך, פון טרערן פייכט,
אַ פרילינגס־ווינטל שפּילט זיך שטיפעריש און לייכט.

## דאָס בערגל

טאָג־טעגלעך האָבן צדדים צוויי, מלחמה־קעגנער,
פּאַר איינעמען אַ בערגל לאַנג געפירט אַ שלאַכט —
ס'האָט אפשר ביי דער ערד אַ שטויבל אויסגעמאַכט,
נאָר חמרים האָט מען צוגעפירט, האַרמאַטן, וועגנער,

און מענטשן אויך — נאָר זיי, ווער ציילט זיי דאָרטן איבער?
פאַרביסן, די חיילות האָבן אַלץ געפּרוווט
דאָס בערגל נעמען פון דער ערד און פון דער לופט,
און ווי אַ באַלעם ס'איז פון האַנט צו האַנט אַריבער.

צעהאַקטע כלים וואַלגערן זיך שוין אין גריבער
און מענטשן אויך — נאָר זיי, ווער ציילט זיי דאָרטן איבער?
זיי ווערן מער נאָך יעדן צריקגאַנג און אַוואַנס.

און איבער זיי נאָך קרייצן זיך די פייער־שלאַקסן.
דאָס האָט געפייערט אַלץ די שלאַכט, ביז אויסגעוואַקסן
אַרום דעם בערגל איז אַ באַרג — פון בר־מיננס.

## אין דער גרויסער שטאָט

פֿאַרהויבן אויף זיין פּאָדיום שטייט דער פּאָליציימאַן
אין סאַמע מיט פֿון פּלאַץ, פֿון אויטאָ־שטראָם פֿאַרפּלייצט,
באַוועגט די הענט, ווי ער וואָלט אומרואיק־צערייצט
מיט זיי געטענהט אויף אַ לשון אַ געהיימען.

אָט שטייט ער שטייף און שטראַם, פֿאַרגולמט, ווי אַ שניימאַן,
אָט דרייט ער זיך, ווי אויפֿן דאַך אַ וועטער־פֿאַן.
דער פּאָדיום איז אַן אינדזל וואָס דער שטראָם גרייפֿט אָן,
אויף צו פֿאַרפּלייצן אַלע שוועלן, טירן, היימען,

און אויך זיין אינדזעלע און אים — פֿון אַלע עקן.
פֿאַרצווייפֿלט נעמט ער זיינע הענט צום הימל שטרעקן.
די כוואַליעס אומעטום, ווו נאָר דיין בליק דערלאַנגסט,

באַשמעקן זיין מונדיר, פֿאַרכאַפּן שויך, באַצווינגען.
באַלד וועלן זיי ביז לעצטן פּאָדעם אים פֿאַרשלינגען ! —
געוואַלד ! — צום הימל ציט ער זיך — אַנטרינען פֿון זיין אַנגסט !

## די וועלפּיכע

ס׳האָט אויך די וועלפּיכע, הגם דאָס ווייסט נישט קיינער,
אַ שעה אַזאַ פון גנאָד, ווען זי איז גוט און מילד;
ס׳איז איר געוואָי פון כעס און אומרו איינגעשטילט —
דאָס איז ווען זי זייגט אָן די וועלפּעלעך די קליינע.

די וועלפּיכע קען דעמאָלט זיך צומאָל פאַרגינען
צו „לייגן אויף דער פּאָליצע די ציין״.
איר חיות ציט אַרויס איר אייגן בלוט־און־ביין.
ס׳קען גראָד אַ שעפּעלע זיך לעבן איר געפינען.

נאָר מיט דער מאַמעס מילך, אין רגעס פון מנוחה,
זיי ציען אויך אַריין איר וואָלפיש־ווילדע יוכע
און וועלן שפּעטער ווערן וועלף אַזוי ווי זי.

זיי וועלן אויסוואַקסן די מאַמע מיט די ביינער,
עס וועלן קלינגען, נאָך פאַרציקונג, זיי די ציינער,
און פון די אויגן — לייכטן אויך דער אומרו־גלי.

# דאָס גליק אין מיסט

דאָס גליק זוכט איינער אין די טיפקייטן פון ימען
און איינער אין דער גלאָריע פון דער שווערד און קאַסק,
און איינער אין דעם גאָלדגרוב, אין זיין בלענד און בליאַסק,
און איינער זוכט עס אין דעם שמאַלצגרוב פון די גראַמען...

נאָר איינעם זע איך, אַ באַיאָרטן מאַן אין געסל,
וואָס זוכט דאָס גליק אין מיסט, אין פעסל איינגעקוקט,
געניי̈גט, ווי צו אַ תפילה וואָלט ער זיך געבוקט.
ער בעט אַז שפּע יעדן טאָג זאָל זיין אין פעסל.

ער ציט אַרויס אין די פאַרטאָגן אין די קילע
אַ שניפּס, צי אַ זשורנאַל מיט אַ קאָלירטע הילע.
אויף איר — אַ פרוי, זי אָן אַ הילע, ליגט פאַרשייט.

ער חלומט, אויפן דנאָ אָן אוצר צו געפינען,
אַז אויף דער עלטער זאָל ער קענען זיך פאַרגינען
צו קומען בלויז צום פעסל מיסט פון צייט צו צייט...

## די שמאַטע־קלויבערין

כ׳האָב זי געזען אין זוניק־דרומדיקן שטעטל,
די שמאַטע־קלויבערין — אין שמאַטעס אָנגעטאָן.
זי האַלט אַ דרעטל שטענדיק ווען מען טרעפט זי אָן,
ווי ס׳וואָלט די מאַמע זי געבוירן מיט אַ דרעטל.

מען זעט זי נישטערן דערמיט און רק זיך בייגן.
אַלץ וואָס זי טראָגט איז פרעמדס און אַלץ איז אַ געשעפט:
אַ שוך, אַ זאָק, אַ ביוסטן־האַלטער, אויב זי טרעפט.
בלויז וואָס זי לייגט אַריין אין אים דאָס איז איר אייגנס.

אַט איז זי אויסגעפוצט, נאָר גאָרנישט דאַרף איך פרעגן —
ס׳איז אַלץ פון מיסט. צום האַלדז אַ יום־טובדיקע שאַרף,
און אויך, פון דאָרט, אַ טרויער־שלייער, אויב זי דאַרף.

אַט קומט זי פון אַ זוכעניש מיר אָן אַנטקעגן.
איך זע אַ ליאַלקע נאַקעט, האַלט זי ביי די בריסט,
און ס׳דוכט, אַ קינד האָט זי געפונען אויך אין מיסט.

## דער אָקס אין צירק

מען פירט אַרײַן דעם אָקס אין צירק — מיין טעמע.
פון זען אים בלויז דערקוויקט זיך ס'פובליקום.
צעמישט, אויף דער אַרענע קוקט ער זיך אַרום.
אַזויפיל אויגן, פנימער... און קריגט די טרעמע.

באַלד לעבט ער אויף, ס'הייבט אָן דאָס רויטע טוך אים רייצן,
און באַלד ווערט אויך צערייצט דער עולם פון זיין בלוט.
ס'איז אַ טראַנספּוזיע וואָס זי מאַכט אים הייטער, גוט.
פון אָקס אַ רויטע ריטשקע אין די אָדערן נעמט פליִיצן.

דער אָקס האָט הערנער צוויי, נאָר שפּיזן צום געפעכט
אַ סך — דער מענטש אין רויטן, פאָכעט ער און שטעכט.
דער אָקס מיט שפּיזן שווינדלט, ווי אַ העליקאָפּטער.

ער פאַלט — און ס'פילט דערהויבן זיך דאָס פובליקום.
מען עסט און זויפט. אַ יובל־פרייד נעמט אַלעמען אַרום.
דער צירק איז פון עמאָציעס און פון פרעס אַן אָנגעשטאָפּטער.

## קאַשמאַר

געווען איז דאָס פעלד מיט גראָזן ווילד פאַרוואָקסן.
געגאַנגען בין איך מיטן זייטן־וועג, ביים זוים,
און כ׳האָב געזען, ווי הינטער נידעריקער צוים
געפּאַשעט האָט זיך שלווהדיק אַ סטאַדע אָקסן.

און פּלוצים כ׳זע, זיי שטעלן אָפּ דאָס מעלה־גירהן
און לאָזן זיך אויף מיר מיט הערן און מיט שנויץ.
דאָ כאַפּ איך זיך: ס׳איז ווייל איך טראָג אַ העמד אַ רויטס!
בעל־כרחו דאַרף איך זיי אַ טאָרעאַדאָר ווערן?

זיי לויפן הינטער מיר! איך ווער פון זיי פאַרקלעמט!
דאָ פּרווו איך אויסטאָן און אַוועקוואַרפן דאָס העמד.
נאָר מיינע פינגער זענען ווי געליימט געוואָרן...

עס גייט נישט דורך דעם קאָפּ. מיין פּנים איז פאַרשטעלט
מיט מיין אומגליקלעך העמד. ס׳איז רויט אַרום די וועלט.
און כ׳בלוטיק אונטער שאַרפן אָקסן־פּיסק און הערן.

## די פויסט

אַזויפֿיל קישנס האָב איך שוין געטוישט אין לעבן,
נאָר נישט די פויסט, צוקאָפּנס מיר נאַכט־אויס, נאַכט־איין.
זי איז די זעלבע אַלץ. ווי האַרט זי זאָל נישט זיין
איך וועל פֿאַר קיין פֿאַל זי פֿאַר זייד און פּוך נישט געבן.

אַזויפֿיל אונטער איר געחלומט און געזונגען,
צו האַרטער פּיין האָט זי מיט ווייכקייט זיך געאיילט...
איך האָב אויף קיינעם זי אין צאָרן נישט געביילט
און אונטער איר קיין שויב איז קיינמאָל נישט צעשפּרונגען.

וואָלט איך מיט איר אַ מענטש געשלאָגן, כ'וואָלט פֿאַר צער
דערנאָך אַליין געשלאָגן ז י ך מיט איר דערפֿאַר.
צוקאָפּנס מיינע סודות ליבערשט איר פֿאַרטרוי איך;

זי לייגט זיך צו מיין קאָפּ, אין עצבות, ווי אַ טרייסט,
שפּאַרט־אונטער תּמיד מיין מחשבה און מיין גייסט.
אַ דאַנק דיר, פויסט, אַ יישר־כוח פֿאַר דיין כּוח.

## ביי דער שאַפּע

ווען איינמאָל צו דער שאַפּע בין איך צוגעגאַנגען
און מיט אַ סקריפּ און גרילץ כ׳האָב אויפגעמאַכט די טיר
האָט פּלוצים זיך פון דאָרט אַ לאָז געטאָן אויף מיר
אַ בינט קראַוואַטן, ווי אַ קנויל פון שלאַנגען.

איך זע, זיי גיבן זיך אַ לאָז אַראָפּ פון שטאַנגען.
אָט קאָרטשען זיי זיך איין, אָט ציען זיך מיט גיר,
מיט גיפט אין צונגען און מיט שרעק אין יעדן ריר,
און, ווי מיר, אַלע ווילן צו מיין האַלדז דערלאַנגען.

כ׳פּרוביר זיי איינגעמען מיט ווייכקייט, גוטע רייד,
זיי מוסרן, אַז פע, נישט שיין פון זייער זייט,
נאָר זיי, זיי ווילן איין זאַך בלויז: מיין האַלדז פאַרוויקלען,

און ס׳גייט זיי גאָרנישט אָן מיין אַנגסט און מיין געבעט.
כ׳פּרוביר די טיר פאַרקלאַפּן, נאָר עס איז צו שפּעט.
אַ מעסער גיך, אַ האַק! צעבראָקן זיי, צעשטיקלען!

## כ׳בין היימיש מיט דער ערד...

כ׳בין היימיש מיט דער ערד. ווו כ׳זאָל זיך נישט געפינען
איך בענק צו איר, ווי צו דער מאַמעס שויס.
פון ים, צי פון דער לופט, איך קוק זי שטענדיק אויס.
צו איר, צו איר וואָס גיכער פון דער פרעמד אַנטרינען!

דאָ איז מיין וויג און מיין געבוירן־הויז געשטאַנען,
און דאָ וועט אויך מסתמא מיין מצבה שטיין.
דערווייל, וואָס־ווען, איז גוט אַזוי אויף איר צו גיין
און אַלע וועגן־שטעגן אירע אויסצושפּאַנען.

ווי גוט ווען פון אַוויאָן שוין נעמען זיך באַווייזן
בנינים אונטן — פּושקעס שוועבעלעך די גרויס,
און וועלדער, ווי וואַזאָנדלעך, שליאַכן — סטענגעס בלויז;

צי אויפן ים, ווען טשאַטעס מעוועס נעמען קרייזן —
די מעקלערס צווישן ערד און וואַסער, גראָ און בלאָ.
און שרייען אויס די פרייד: די ערד איז דאָ, איז דאָ!

# דער גליוואָרעם

דו האָסט דעם גליוואָרעם פון דר׳ערד אין האַנט גענומען
פון קילן, פייכטן גראָז אַרויס און פון דער נאַכט
און ווי אַ דימענט האָסטו אים צו מיר געבראַכט —
פון שוואַרצן פליוש אַרויס — פאַרשיכורט פון פאַרפומען.

דו האָסט, אין שפּאַס, געבעטן מיך, איך זאָל דעם גלימער
ווי דיינעם אַ געשאַנק פאַרשפּיליען צו מיין לאַץ,
נאָר ווי דער העלער פאָספאָר־אַפּל ביי אַ קאַץ
פון טונקלען קעלער — האָט מיך אָנגעקוקט זיין שימער.

איך זע, ווי אויף דיין האַנטפלאַך ליגט ער אַ פאַרשעמטער,
און פלוצים — צאַנקען, אויסגיין, זיך פאַרלעשן נעמט ער,
ער קען ביי דיר, אין דיין רשות, נישט לייכטן מער.

איך בעט דיך: קער אים תיכף אום צו זיינע גראָזן.
נאָר ס׳האָט אים שוין געהאַט די מינדסטע שיין פאַרלאָזן
און מיט דער טיפער נאַכט שוין אויסגעמישט איז ער.

## אַ מתנה

צו יום־טוב כ׳האָב געוואָלט דיר אַ מתנה ברענגען,
אַזאַ וואָס האָסט געוויס נאָך קיינמאָל נישט געהאַט,
אין איידלשטיין, צי גאָלד, אין זיידנס, צי בראָקאַט.
און דאָ האָב איך דערזען ביים ראַנד פון הימל הענגען

אין גאָר זיין וונדער־פּראַכט אַ רעגנבויגן!
כ׳גיב מיין מחשבה הויך אַרויפצו אַ פאַרוואַרף:
דאָס וועט ער זיין פאַר דיר אַ פיל־קאָלירטע שאַרף! —
און כ׳האָב פון הימל אים צו מיר אַראָפּגעצויגן.

אָן אָטעם האָב איך זיך געאיילט מיט אים צו דיר
אַרומצונעמען צאַרט דיין האַלדז מיט מיין באַציר.
אָט באַלד, אָט באַלד, און כ׳וועל דיר מיין געשאַנק דערלאַנגען.

איך ברענג דעם רעגנבויגן דיר! כ׳קום אָן. איך הער
שוין דיין התפּעלות. — — פּלוצים, פאַר דער שוועל האָט ער
אויף מיינע הענט פאַרלאָשן זיך און אויסגעגאַנגען.

## אַ שטערן איז געפֿאַלן...

אַ שטערן איז אַראָפּגעפֿאַלן. דורכגעשניטן
האָט ער דעם הימל, ווי אַ דימענט — גלאָז.
צי האָט אים, ווי אַ דעק מיט פֿרענדז, געכאַפּט דאָס גראָז?
פֿאַרוואָס האָט ער מײַן האַנט, צי דײַנע, אויסגעמיטן?

און אפֿשר האָט אים אײַנגעשלונגען גאָר אַ ברונעם,
צי אין דער קילער, גרינער סאַזשלקע אַ פֿראָש?
וואָלט ער צו דיר געפֿאַלן ליבערשט, ווי אַ בראָש,
ווי צו פֿאַרפֿאַלן גיין ווו קיינער ווייסט נישט פֿון אים.

און אפֿשר איז ער דורך — אַ פֿלינקע נאָדל־פֿאָדעם
פֿון גאָלד — צום אויסהעפֿטן די געטלעכע בגדים
מיט דראָבנע שטעכעלעך — אוזאָרן, אײַדל־דין.

און אפֿשר נישט קיין נאָדל־פֿאָדעם, נישט קיין דימענט,
נאָר ס׳האָט גאָטס יראה־כתב, זײַן פֿײַער־חתימה,
אַדורכגעקריצט דעם הימל און געחתמעט אַ גזר־דין.

## דערמאָנונג

צי האָט אַ שטורעם אויסגעריסן יענעם בוים,
וואָס ווי אַ גיבור אַ פאַרשעמטער איז געפאַלן
מיט מיינע ייִנגליש־אויסגעקריצטע איניציאַלן,
און מיט אַ פייל, וואָס שטעכט אַדורך דעם ליבע־טרוים?

ווען איז צעשפּרונגען ס'הויכע פענצטער מיט אַ קראַך,
ווו כ'האָב צו מיר דאָס מיידל מיט אַ פייף גערופן?
געפלויגן איז ער ביז די שטערן בגילופין
און האָט געוואָרקעט מיט די טויבן אויף איר דאַך.

מסתמא האָט מען יענעם בוים צעהאַקט אויף שטיקער,
נאָר נישט מיין ליבע־סוד, וואָס כ'האָב אין אים פאַרקריצט.
אין חלל איינגעשניטן איז ער נאָך ביז איצט,

און ווי מיין רופן אונטער יענעם דאַך נאָך שיכור.
און כאָטש נישטאָ מער יענע פענצטער, יענע הייף,
נאָך טראָגט אַרום דער ווינט מיין וויַיטן ליבע־פייף.

## דער אַלטער שירעם

כ׳דערקען דײַן שירעם צווישן אַלטוואַרג, פּעק — אַ קופּע,
געלעכערט פון דער צייַט און פון דער מאָל,
וואָס דו האָסט אים געטיילט מיט מיר אַמאָל,
ווי ס׳ווערט געטיילט בשותפותדיק אַ חופּה.

בייַנאַכט האָסטו פון שטורעם זיך געוואָלט באַשיצן,
פון בליץ, וואָס האָט דעם הימל שאַרף צעפּליקט.
פאַר שרעק האָסטו צו מיר זיך צוגעדריקט — —
אַ לויב צו יענע דונערן און בליצן!...

די דרעטלעך אויסגעקרימט, שוין לאַנג פאַרראָסט,
נאָר יענער שטורעם האָט דייַן שירעם נישט פאַרלאָזט.
כ׳וועל זייַנע לעכער פאַרן רעגן נישט פאַרשטאָפּן —

אַז גיסן זאָל ער ווי בעת יענער שרעק און פרייד!
אויפספּניי דייַן שירעם ווי אַ חופּה איז פאַרשפּרייט,
און שטערן שיטן זיך דורך אים אויף אונדז, ווי האָפּן.

# דער שמעטערלינג

אַ שמעטערלינג האָט אויף דער בלום דער אויסגעגנייטער
פון דיין קאָרסאַזש דעם לייכטן זיך געשטעלט.
האָט ער געחלומט פון אַ גאָרטן, צי אַ פעלד ?
זיך אָפּגעגנאַרט, זעט אויס — אַ ווילע שטייט ער.

געווען איז ער באַשפּריצט, באַשפּרענקלט מיט קאָלירן,
ווי אַ פּאַליטרע וואָס מ׳האָט ערשט פון איר געמאָלט.
העל־בלוי און סעלעדין, וויאָלעט, אָראַנזש און גאָלד.
גאָטס פענדזל בלויז האָט אים געקענט באַרירן.

נישט צו דערשרעקן אים, איך שעפּטשע אין דער שטיל :
אָ, לאָז אים שטיין, באַשיינען דיך ווי לאַנג ער וויל
מיט די קאָלירן זיינע פונעם רעגנבויגן —

אַ בראָש אויף דיין קאָרסאַזש פאַרשפּיליעט — מיין געשאַנק.
נאָר גיכער נאָך איז ער געווען פון מיין געדאַנק —
ווייל מיטאָמאָל איז ער פון דיר אַוועקגעפלויגן.

## די רויז

איך האָב אַ רויז צו יום־טוב דיר געבראַכט,
איז טאָפּלט יום־טוב היינט אין שטוב און ליכטיק.
דו שמייכלסט — צו דער רויז? צו מיר? — נישט וויכטיק.
איז דרייפאַך יום־טוב, זע איך, היינט פאַרנאַכט.

די רויטע רויז פאַרטרייבט די גרויע וואָך.
איך קוק ווי שיין ביסט זיך מיט איר מטפל,
און פּלוצים זע איך ווי פון ווייטיק טוסט אַ צאַפּל —
אַ דאָרנדל האָט דיר געטאָן אַ שטאָך.

דיין שמייכל, וואָס די רויז האָט אָנגעצונדן,
די שטעכלקע פאַרלעשט, ער וועט פאַרשוווּנדן,
און איך פאַר ביידע אַ געפּלעפּטער שטיי.

איך האָב געזען דיך מיט דער רויז אַנטציקן,
כ׳האָב זיך געפעדערט, דיך מיט איר באַגליקן,
נאָר ווי, דאָ זע איך גאָר איך טו דיר וויי.

## צוויי טויבן

רק אין די פּיסקלעך, זע איך, טויבן צוויי זיך קושן.
מען זאָגט: דאָס איז אַ פּאָר. ווי קען עס אַנדערש זיין?
ווו איינע היפּט און גייט, כ׳זע אויך די צווייטע גיין,
ווי ס׳ווערט געבאָטן אונדז ביי חופּה־וקדושין;

אויף גוטס און שלעכטס באַדאַרף מען שטענדיק זיך צו האַלטן,
אין אומגליק און אין גליק, אין יום־טוב און אין וואָך.
ווו איינע גיט אַ פּאָך, די צווייטע פּאָכעט נאָך,
און פּאַר דער ליבע איז גענוג זיי לעכער, שפּאַלטן.

ווייל פּאַרן ליבע־גליק זיי דאַרפן נישט קיין סך:
אַ קוימען, אַ געזימס, אַ שינדל פון אַ דאַך,
און טיילן ס׳מאָלצייט און ס׳געלעגער אין אַ נישע.

מען פּיקט אַ קערנדל בשותפות, מלא־חן.
רק: „טויבעניו"... נאָר איין זאַך קען איך נישט דערגיין:
ווער ס׳איז דער מאַנספּערשוין און ווער ס׳איז דאָ די אישה.

## דער אָוונט־שמעטערלינג

אין כאַטע, איידער כ׳גיי זיך לייגן שלאָפן,
עס פליט אַריין אַן אָוונט־שמעטערלינג,
ער מאַכט אַרום דעם לאָמפּ אַ שוואַרצן רינג.
מיין שולד, וואָס כ׳האָב געלאָזט דאָס פענצטער אָפן.

ער שווינדלט גיך און אויף די ווענט זיין שאָטן
קרייזט אום, ווי פון אַ שפּאַרבער שיר די גרייס.
אַריינציען וויל ער מיך אין זיין שוואַרצן קרייז —
אין שאול־תחתיה, וווּ עס דרייט מיט אים דער שטן.

כ׳האָב מורא, אַז ער זאָל מיט מיר דאָ בלייבן
און מיט אַ האַנטעך פּרוּוו איך אים פון שטוב פאַרטרייבן.
ער רירט זיך מער נישט! — ווערט מיר אויפן האַרצן גרינג.

ער מאַכט זיך אפשר טויט, בכדי מיך צו פאַרפירן?
נאָר אָט פאַלט ער אַראָפּ ווען כ׳נעם אים לייכט באַרירן. — —
און ס׳שרעקט מיך איצטער מער דער טויטער שמעטערלינג...

## מײַן אַלטע וואַליזע

כאָטש אַלט איז מײַן וואַליזע לאָז איך זי בכּיוון.
מיט שטויב און מיט דערמאָנונגען איז זי באַדעקט.
ווי פֿון אַן אינסטרומענט — פֿון קלאַנגען אויפֿגעוועקט —
איך הער פֿון איר ס׳געוויין פֿון נאַכט־לאָקאָמאָטיוון.

אַ בענקשאַפֿט ווײַנט פֿון איר צו שטעט שוין לאַנג באַזוכטע.
אין פֿאַרטן און וואָקזאַלן האָט זי מיך באַגלייט.
אָט ליגט זי ווי מײַן רײַזע־פּלאַן פֿאַר מיר פֿאַרשפּרייט —
דאָ איז דאָס גרינע אינדזל, דאָ די בלויע בוכטע,

דאָ זענען טעמפּלען, אוצרות, אויסגעשטעלטע פּראַכט.
כ׳האָב זי — מײַן ספר־הזכרון אויפֿגעמאַכט, —
וואָס בלעטערן אַ גאַנצע נאַכט וועל איך שוין דאַרפֿן.

איך האָב זי שוין געדאַרפֿט אַרויסוואַרפֿן פֿון לאַנג —
איז דאָ אין איר אַזויפֿיל חלום און געזאַנג,
און וואַרפֿן זי — מײַנט ז י ך אַליין אין הפקר וואַרפֿן.

## ווידערקול

אין טיפן וואַלד בין איך געבליבן פאַר אַ שיידוועג
און נישט געוווּסט וווּהין, מיט וועלכן שטעג צו גיין.
וועל איך שוין ווי אַ בוים דאָ צווישן ביימער שטיין
אָן אייביקייט אַזוי פאַרצווייפלט אויף מייןליידוועג?

כאַטש פרעג ביי זיי דעם וועג — זיי שטייען און זיי שווייגן.
פאַרלוירן, רוף איך אויס אין טיפן וואַלד: אוהו!
נאָר ס׳קומט מיין אייגן קול צוריק פון ערגעץ־ווו
און ברענגט אי טרייסט, אי שרעק דורך בלעטער און דורך צווייגן.

אָט דאַכט מיר ווי איך וואָלט אַליין פון זיך געשפּעט
און אָט, ווי ס׳וואָלט אַן אַנדערער צו מיר גערעדט
און ברענגט מיר אפשר הילף און ווייזט מיר אָן דעם דרך.

בין איך דער אַנדערער? — דער אַנדערער בין איך?
בין איך אַליין מיין גואל, טראָג די טרייסט אין זיך? —
אוהו! — אויפסניי מיין אייגן קול און בת־קול הער איך.

## שלימות

וואָס אויפגעבויט כ׳האָב נעכטן וועל איך היינט צעשטערן
און מאָרגן אויך צעשטערן וואָס כ׳האָב היינט געבויט.
בלויז אַנדערשקייט און שינוי איז נישטאָ אין טויט —
אין לעבן קען אַלץ אַנדערש זיין און אַנדערש ווערן.

געלייגט האָב איך פאַר מיר נישט איין מאָל פונדאַמענטן
און נאָכדעם זיי צעוואָרפן ביזן לעצטן שטיין,
ווייל כ׳האָב געזען אַז קיינמאָל וועל איך נישט דערגיין
צום שפּיץ פון טורעם, ביז די שיינע אָרנאַמענטן.

נאָך פורעמען דאָס ליים, צי שניצן, טאָקן ס׳האָלץ,
מיט דעם, וואָס נעכטן איז געווען דער מייסטער שטאָלץ,
קען זיין אַז ער וועט אפשר מאָרגן גאָר זיך שעמען,

ווייל טונקלעניש פון ספק איז אין יעדן גלאַנץ.
דער טויט איז בלויז אויף תמיד שלימותדיק און גאַנץ —
מער גאָרנישט צוצוגעבן, נישט אַראָפּצונעמען.

# אינהאַלט

## מיין מאַמעס ניגון


מיין מאַמעס ניגון — 9
מיין מאַמעס קליידער — 10
מיין מאַמעס פּנים — 11
מיין מאַמעס בילד — 12
איך אונדזער שטוב — 13
די באָבעשי און איך — 14
דער פראָסט האָט געלאָזט — 16
צוגאַסט אין דער היים — 17
כ׳דערמאָן זיך אַליין... — 18
די שריפט פון מיין קינד — 20
שפּאַציר אין פּער־לאַשעז — 22
ס׳איז ווי דער שפּייז — 23
פאַרמערונג — 24
אוי, זע נאָר — 25
שוין ווינציק צייט — 26
וויפל מאָל — 27
דערמאָן מיר מער נישט — 28
מיין תּפילה — 29
ווען ס׳פאַלט אַ פויגל צו דער ערד — 31
איך זיץ מיר ביים קאָמין — 33


## די סען, מיין שפּיגל


פישפאַנג — 37
ס׳איז יום־טוב היינט — 39
אַ פרוי אין מעטראָ — 40
געבורט — 41
פאַריזער פייזאַזש — 42
אַ פערד־און־וואָגן אויפן אָפּערא־פּלאַץ — 44
אויפן פאַריזער אַספאַלט — 46
דערמאָנונג וועגן איציק מאַנגער אין פאַריז — 48
די סען־דעני — 50
נישטאָ מער יענער דאַך — 52
אויף מיין גאַס אין פאַריז — 54
אייביקייט — 57
אַ טויטער הירש מיט בלוטנדיקע אויגן — 59
דער צעשפּאָלטענער שפּיגל — 60
רי דע ראָזיע — 62
צו תשליך — 64

## שטיינער צוקאַפּנס


דער אומגליקלעכער בוים — 67
יידישע ברילן — 69
די טענה פון ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער אין טויטן־לאַגער 71
די שכינה אין די חורבות — 73
דער שטעקן פון י. ל. פּרץ — 76
דער פידלער אויפן דאַך — 79
דערמאָנונג נאָכן זען די תהילים־בילדער פון בען — 80
שטיינער צוקאַפּנס — 82


## אַ בוים אין ישראל


יער הקדושים — 87
אויפן וועג צו ירושלים — 88
די זשאַבעס פון רמת־אביב — 90
אין בית־לבנים — 92
ערגעץ אין סיני — 94
אַ זעלנער ווײנט — 96
דער פליענדיקער ייד פון שאַגאַלן — 98
אין עין־גדי — 103
אַ בוים אין ישראל — 104
קאַטיושאַ — 106
פּאַרפּירעניש — 108
מה נאה אילן זה — 110
ירושלים אין שניי — 112
פּאַרשנייטע יידן ביים כותל המערבי — 114
וועלדער—לענדער — 116
דער היטער פון די וועלדער אין די הרי יהודה — 118
דער שוסטער פון קיבוץ אלונים — 120
בלומען אויף דקר — 123


## ביי דער אָזערע לוגאַנאָ


דער באַרג סאַן־סאַלוואַטאָרע — 129
פאַרטאָג אין קאַסטאַניאָלאָ — 130
צווישן צוויי ריזן־בערג — 132
פּאַרמישעניש — 133
די אַלטיטשקע אין פּאַרק — 134
אַ שטיינדל אין וואַסער — 136
זון־פאַרגאַנג — 137
שלום־עליכם אין לוגאַנאָ — 138
זיבן קאַטשקעלעך — 139
דאָס מיידל מיט די קופּערנע האָר — 141

## שפּליטערס


איך וועל מיין טיר פאַרקלאַפּן — 145
מאַלינעס — 146
אַ וואַזע בלומען — 147
אין אַ מוזיי — 148
די פליג — 149
דאָס געבעט פון אַן עפּל — 150
דו שלאָגסט דעם שטיין — 152
ווי לאַנג — 153
באַנייטקייט — 154
פאַרלוירן — 155
אַ ווינט אין קוימען — 156
אַ ווינט אַ ליץ — 157
עס טרעפט זיך אונטערוועגס — 158
אין אַ קאַפעטעריע אין ניו־יאָרק — 160


## אַ שפּיטאָל אין בראָנקס


בעט־שכנים — 165
פרימאָרגן — 166
באַזוך — 167
אין אַ ווינקל — 168
מיין קראַנקן־שוועסטער — 169
אַ פאַרוווּנדעטער אויף אַ באַוועג־שטול — 170
די פיל — 171
טוליפּאַנען — 172
ביינאַכט אין שפּיטאָל־זאַל — 173


## די פאַרשוווּנדענע וועלט פון טלאָמאַצקע 13


די בין־השמשותדיקע שאָטנס — 177
איך שלעפּ אַהין אַ גאַנצן באַרג — 178
דער מוזיקער מ. שניאור אין בין־השמשות — 180
אויף טלאָמאַצקע הינטערן אויוון — 182
הערשעלע — 184
ז. סעגאַלאָוויטש — 186
די שעה פון גשמיות — 188
שמעון האָראָנטשיק — 190
ישראל שטערן — 192
די עסטראַדע — 194
חיים סעמיאַטיצקי — 196
צוויי סילועטן — 198
איציק מאַנגער — 200

ש. בערלינסקי — — — — — — — — — — 202
אפרים קאַגאַנאָווסקי — — — — — — — — 204
די ליידיקע שטולן — — — — — — — — 206
דאָקטאָר מיזעס — — — — — — — — 208
אברהם פּאָליוואַ — — — — — — — — 210
משה שימעל — — — — — — — — — 212
איך האָב געשלעפּט אַ גאַנצן באַרג — — — — — 214

## סאָנעטן

געבוירן ווערט אַ מענטש — — — — — — — — — — 219
ווי קליין עס איז דאָס אויג — — — — — — — — 220
דאָס אַלץ — — — — — — — — — — 221
אַלטע לייט — — — — — — — — — — 222
דאָס אַלטע פּאַרפּאַלק — — — — — — — — 223
דער טויט פון אַ זקנה — — — — — — — — 224
באַגלייט — — — — — — — — — — 225
בית־עולם אין אַפּריל — — — — — — — — 226
דאָס בערגל — — — — — — — — — — 227
אין דער גרויסער שטאָט — — — — — — — — 228
די וועלפּיכע — — — — — — — — — — 229
דאָס גליק אין מיסט — — — — — — — — 230
די שמאַטע־קלויבערין — — — — — — — — 231
דער אָקס אין צירק — — — — — — — — 232
קאָשמאַר — — — — — — — — — — 233
די פּויסט — — — — — — — — — — 234
ביי דער שאַפע — — — — — — — — — 235
כ׳בין היימיש מיט דער ערד — — — — — — — 236
דער גליוואָרעם — — — — — — — — — 237
אַ מתנה — — — — — — — — — — 238
אַ שטערן איז געפאַלן — — — — — — — — 239
דערמאָנונג — — — — — — — — — — 240
דער אַלטער שירעם — — — — — — — — 241
דער שמעטערלינג — — — — — — — — — 242
די רויז — — — — — — — — — — 243
צוויי טויבן — — — — — — — — — — 244
דער אָונט־שמעטערלינג — — — — — — — 245
מיין אַלטע וואַליזע — — — — — — — — 246
ווידערקול — — — — — — — — — — 247
שלימות — — — — — — — — — — 248